STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04832

# DI FAMILYE DAVIDZOHN

Ezriel Nathan Frenk

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Anne Goldberg*
*in memory of*
*her parents, Libby & Isaac Oretzky*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די פאַמיליע דאַווידזאָהן

## מיט בילדער און פאַקסימיליען

בעאַרבייט

דורך ע. נ. פרענק

און י. ח. זאַגאָראָדסקי

פערלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע

1924

50 עקזעמפּ. נומערירט
ספּעציעל געדרוקט
אויף האָלץ-פֿריי פּאַפּיר

זאַץ: „קאָראָנאַ"
דרוק: י. הענדלער
טיטל-צייכנונג: ח. גאָלדבערג
קלישן: „גראַפֿיקאָן"
אַלע אין וואַרשע.

B D28F
c.1

# די פֿאמיליע דאווידזאהן

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH.

PUBLIC LIBRARY

# אינהאַלט:


פאָררעדע פון פערלעגער . . . .

פאָרוואָרט פון י. ח. זאַגאָראָדסקי . . . . 3—4

אַ קליינע הקדמה פון ע. ג. פרענק . . . . 5—6

די אָבשטאַמונג פון דער פאַמיליע דאַווידזאָהן . . 7

ר׳ הערשעלע צענצעמינער . . . . 7—20

הרב ר׳ חיים דאַווידזאָהן . . . . 21—38

ר׳ חיים—אויבער־רב פון וואַרשאָ . . . 38—49

ר׳ נפתלי דאַווידזאָהן . . . . . 50—53

ר׳ יוסף צבי דאַווידזאָהן . . . . 54—56

ר׳ אריה ישכר לייבוש דאַווידזאָהן . . . 57—103

די קינדער פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן . . . 104—105


## ביילאַגעס: אַרכיוו־דאָקומענטען.


ערשטע ביילאַגע . . . . . I—V

צווייטע ביילאַגע . . . . VI—VII

דריטע ביילאַגע . . . . VIII—IX

פיערטע ביילאַגע . . . . X—XI

פינפטע ביילאַגע . . . . XII—XX

זעכסטע ביילאַגע . . . . XXI—XXIV

זיבעטע ביילאַגע . . . . XXV—XXVI

אַכטע ביילאַגע (3 צוואות פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן
מיט אַ פאַקסימיליע) . . XXVII—XXVIII

ניינטע ביילאַגע . . . . XXIX


## בילדער:


1) אַ מנורה פון ר׳ הערשעלע צענצעמינער

2) ר׳ חיים דאַווידזאָהן

3) דער שטאַנדאַר פון יודישען פאָלק

4) מצבה פון ר׳ חיים דאַווידזאָהן

5) דער רעגירונגס־סטעמפעל פון ר׳ חיים דאַווידזאָהן

6) בילד פון ר׳ נפתלי דאַווידזאָהן

7) מצבה פון ר׳ נפתלי דאַווידזאָהן

8) מצבה פון ר׳ יאָסעלע דאַווידזאָהן

9) בילד פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן

10) די קאַטאָוויצער אספה

11) ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן 12 שעה פאַר׳ן טויט

12) די לויה פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן

13) פאַקסימיליע פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן׳ס צוואה

# אַ פּאָר ווערטער פון פערלעגער!

צוליב דער גרויסער וועלט-מלחמה איז געגאַנגען לאבּוד אַ וויכטיגער טייל פון היסטאָרישע מאַטעריאַלען, מיט וועלכע דער געשיכטע-פאָרשער בענוצט זיך ביי זיין אַרבייט. —

די מאַטעריאַלען, אַלס גרונדלאַגע פאַר דער געשיכטע, בעשטעהען נישט בלויז פון ממשלה-דאָקומענטען, נאָר גאַנץ אָפט האָט אַ פּריוואַטער בריף, אַ קאָנטראַקט פון אַ איינפאַכען בעל-הבית אַ דעצידירענדען איינפלוס אויף אַ פּערוויקעלטע היסטאָרישע עפּאָכע, דורך אַ גאַנץ זייטיגען פּאַפּיער ווערען אונז קלאָהר פיל פאַקטען.

ביי אונז יודען ליידער האָט מען ווייניג זיך גערעכענט מיט דער אַרט מעמואַרען און בעשרייבונגען, מיר האָבען נישט געהאַט דעם ריכטיגען פערשטאַנד פאַר געשיכטע-מאַטעריאַל.

צוזייט און צושפרייט אין אַלע עקען פון דער וועלט, פערשווינדען מיט דער צייט די שפּורען פון וויכטיגע יודישע פאַמיליעס, וועלכע האָבען אונז געקאָנט אַזוי פיל דערצעהלען פון דעם, ווי אַזוי פערשידענע טיילען פון אונזער פאָלק האָבען געלעבט און זיך ענטוויקעלט אין פערשידענע צייטען און לענדער.

אונזער פערלאַג וועט זיך בעמיהען צו זאַמלען די אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיעס און מאָנאָגראַפיעס פון אַלע בעריהמטע יודישע פאַמיליעס אין פּוילען, אַלס דער ערנסטער מאַטעריאַל צו די נאָך נישט פולקאָם בעאַרבייטע געשיכטע פון די יודען אין פּוילען.

**פערלאַג מ. י. פרייד, וואַרשאַ.**

# פאָרוואָרט.

די מאָנאָגראַפיע פון דער פאַמיליע דאַווידזאָהן האָט אָנגעהויבען שרייבען דער בעוואוסטער היסטאָריקער און אויסגעצייכענטער שריפטשטעלער, עזריאל נתן פ ר ע נ ק. ליידער האָט איהם דער טויט אַוועקגעריסען פון אונז אין דער מיטען פון זיין פרוכטבאַרער אַרבייט אויפן געביט פון דער יודישער געשיכטע אין פוילען. פון דער יעצטיגער מאָנאָגראַפיע האָט ער בעוויזען צו אָנשרייבען נאָר דעם ערשטען קאַפיטעל „די אָבשטאַמונג פון דער פאַמיליע דאַווידזאָהן״. לויטן אויפטראַג פונם אַרויסגעבער מ. י. פרייד, האָב איך איבערגענומען די אַרבייט, צו אָנשרייבען דאָס גאַנצע ווייטעריגע ווערק. איך האָב מיך בעמיהט, צו אויסנוצען די אַלע קוועלען און אַרחיוועו, וועלכע זענען מיר געווען צוגענגליך, דאַרונטער דעם אַרחיוו פון דער יודישער גמינע אין וואַרשא.

איך ווייס, אַז דער פערשטאָרבענער פ ר ע נ ק ז״ל וואָלט אַרויסגעגעבען דאָס יעצטיגע ווערק שענער און אויספיהרליכער בעאַרבייט, דען ער איז געווען דערצו בערופען, אַלס פאַכמענישער היסטאָרישער פאָרשער און גרינדליכער קענער פון דער גאַנצער יודישער פערגאַנגענהייט אין פוילען. אָבער איך האָב מיך בעמיהט, אַז אויב נישט אין פרטים, אין איינצעלהייטען און אין דער פאָרם, ווענינסטענס אין אַ ל ג ע מ יי ן זאָל איך נישט אַרויסלאָזען פון מיין האַנד אַ „דבר שאינו מתוקן״. בעזונדערס האָב איך מיך בעמיהט, איבערגעבען אַ מעגליכסט געטרייע כאַראַקטעריסטיק פונם „ראש בית אָב״, דעם פראָטאָפלאַסט פון דער פאַמיליע דאַווידזאָהן, הרב הגאון ר׳ חיים ב״ר דוד טעבעלי דאַווידזאָהן, וואַרשאווער אב״ד, און זיין אור-איייניקעל דער וואַרשאווער לאַנג-

יעהריגער און ענערגישער פרנס ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן, וואָס זיין אָנדענקען איז נאָך אַזוי פריש ביי אונז אַלעמען.

לאָז מיין יעצטיגע אַרבייט דיענען אַלס התחלה פאַר אַנדערע שריפטשטעלער, צו בעאַרבייטען און אַרויסגעבען מעהר אַזאָלכע מאָנאָגראַפיעס, וועלכע וועלען דינען אַלס ציגעל צום בנין פון אַ אויספיהרליכער יודישער געשיכטע אין פוילען.

ישראל חיים זאַגאָראָדסקי.

וואַרשא, תמוז תרפ״ד.

# אַ קליינע הקדמה.

פון ע. נ. פרענק.

דעם פאַמיליען-נאָמען דאַווידזאָהן געפינען מיר זעהר אָפט אין פערשידענע רעגירונגס-אַרכיוואַל-אַקטען, אין שאלות ותשובות, און כמעט אין אַלע היסטאָרישע ווערק און גרעסערע אַרטיקלען איבער יודען אין פוילען בכלל און וואַרשא בפרט אין 19-טען יאָהרהונדערט און אויך אין סתם היסטאָרישע ווערק איבער פוילען אין דער תקופה, ווען דאָס פוילישע יודענטום האָט אַממייסטען געליטען פון פערשידענע רדיפות און גזרות, אין דער תקופה פון פאַסקעוויטשעס צייטען (1823—1856).

דער דאָזיגער פאַמיליען-נאָמען איז אויך אונטערגעשריבען אונטער הסכמות אויף אַ גרויסע מענגע רבני'שע ספרים און העברעאישע אויפקלערונגס-ביכער (ספרי השכלה), ווי אויך אונטער טויזענדער כרוזים, וועלכע עס האָבען אין פערשידענע צייטען אַרויסגעגעבען די וואַרשאווער רבנים, וואַרשאווער קהל, שפעטער דאָזאָר בוזניטשי און נאָך שפעטער זאַרזאָנד גמיני סטאַראָזאַקאָניך (פערוואַלטונג פון דער יודישער געמיינדע).

מיר געפינען אויך דעם נאָמען דאַווידזאָהן טויזענדער מאָהל אין די העברעאישע און יודישע צייטונגען, וואָס זענען ערשינען אין פאָריגען יאָהרהונדערט און ערשיינען נאָך היינט.

און אַנדערש קאָן טאַקי נישט זיין. די פאַמיליע דאַווידזאָהן איז געווען די גאַנצע לעצטע הונדערט יאָהר אַממייסטען טעטיג אויף אַלע געביטען פון יודישען לעבען אין וואַרשא, וועלכעס האָט זעהר פיל געווירקט אויפן גאַנצען לעבען פון יודען אין פוילען בכלל. מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאַמיליע האָבען זיך משתדל געווען פאַר יודען, געשריבען בקשות צו דער רעגירונג וועגען פערבעסערען די לאַגע פון יודען, און די רעגירונג האָט זיך צו זיי געווענדעט מיט פערלאַנגען, אַרויסצוזאָגען זייער מיינונגען וועגען פערשידענע פראַגען פון יודישען לעבען, ווי

אויך איהר מיטהעלפען איינצופיהרען געוויסע אויסבעסערונגען אין יודישע ענינים. — פון דאַנען נעהמט זיך דער נאָמען אַזוי אָפט אין די אַרכיוואַלע אַקטען.

צו די מיטגלידער פון דער דאָזיגער פאַמיליע, וואָס זענען געווען בעריהמט מיט זייער לומדות און חריפות, האָבען פיל רבנים זיך געווענדעט מיט שאלות, וואָס זיי איז שווער געווען אַליין צו פסק׳ענען און מחברים, רבנים, דרשנים און משכילים האָבען ביי זיי געבעטען הסכמות אויף זייערע ספרים, וויסענדיג, אַז אויב אויף די ספרים וועט זיך געפינען אַ הסכמה מיט דער אונטערשריפט „דאַווידזאָהן״, וועלען זיי גיכער פערקויפט ווערען, און דעריבער געפינען מיר טאַקי דעם דאָזיגען נאָמען אין שאלות ותשובות און אַזוי פיל מאָל אונטערגעשריבען אויף הסכמות פון פערשידענאַרטיגע ספרים.

זייענדיק גרויסע עסקנים און בעריהמט צווישען יודען אין פוילען בכלל און וואַרשא בפרט, האָבען זיי אין זייערע צייטען אונטערגעשריבען אַלע כרוזים, וואָס רבנים און די פאָרשטעהער פון דער יודישער קהלה האָבען אַרויסגעגעבען צו יודען.

די געשיכטע פון דער דאָזיגער פאַמיליע איז אַלזאָ אַ גרויסער טייל פון דער געשיכטע פון יודען אין פוילען, פון כמעט אָנפאַנגס 19-טען יאָהרהונדערט אן בכלל און פון דער וואַרשאווער יודישער קהלה בפרט.

ווער עס וועט וועלען שרייבען די געשיכטע פון יודען אין פוילען בכלל און וואַרשא בפרט אין דעם פאָריגען יאָהרהונדערט און אין די צוויי ערשטע צעהנדליגער יאָהרען פון איצטיגען יאָהרהונדערט, וועט מוזען אָבגעבען אַ גרויסען, זעהר בכבוד׳יגען פלאַץ דער פאַמיליע דאַווידזאָהן.

עס איז אַלזאָ כדאי, ווי מיר רעכענען, זיך צו בעקענען מיט דער געשיכטע פון דער דאָזיגער פאַמיליע.

## די אָבשטאַמונג פון דער פאַמיליע דאַווידזאָהן.

דער ערשטער פון דער דאָזיגער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אָנגענומען דעם פאַמיליען-נאָמען ד אַ ו י ד ז אָ ה ן, איז געווען דער בעוואוסטער וואַרשאווער רב, ר׳ חיים דאַווידזאָהן, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין דער שטאָדט פּינטשוב אין יאָהר 1760.

וועגן דער אָבשטאַמונג פון ר׳ חיים׳ן האָבען מיר נישט קיין נעהנטערע פּרטים. מיר ווייסען נאָר, אַז זיין פאָטער האָט געהייסען ר׳ דוד טעבעלי און איז נפטר געוואָרען בעת ער, ר׳ חיים, איז נאָך געווען אַ יונג קינד.

דאָס איז אָבער זיכער, אַז ר׳ דוד טעבעלי פון פּינטשוב איז געווען אַ למדן און אַ יחסן, אויב מיט זיין זוהן, ר׳ חיים׳ן, אַ יתום, האָט זיך משדך געווען דער גביר, יחסן און למדן, ר׳ נפתלי הירש צענצעמינער, אָדער, ווי מען האָט איהם גערופען אין וואַרשא: ר׳ הירשעלע צענצעמינער, וועלכער האָט מיט איהם חתונה געמאַכט זיין איינציגע טאָכטער.

די ביאָגראַפיע פון ר׳ ה י ר ש ע ל ע צ ע נ צ ע מ י נ ע ר איז אַ בילד פון יודישען קולטור-לעבען אין יענע צייטען, און דעריבער ווידמען מיר איהר אַ ב ע ז ו נ ד ע ר ע ן פ ר ק.

## ר׳ הירשעלע צענצעמינער.

ר׳ נפתלי הירש צענצעמינער איז געבוירען געוואָרען אינ׳ם שטעדטיל צענצעמין, אָדער סענצעמין (נישט ווייט פון קראַקא).

זיין אָט ור האָט געהייסען ר׳ פייביל און זיין פרוי איז געוועזן אַ טאָכטער פון ר׳ ארון „שליח בית דין" אין קראקאָ *).

ר׳ הירש האָט נאָך זיין חתונה געוואוינט ביי זיין שווער אין קראקא, וואו ער איז געוואָרען אַ חלפן, דאָס הייסט אַ באַנקיר, און הגם ער האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען, איז ער יעדען טאָג געזעסען און געלערענט.

זייט ער האָט אָנגעהויבען עוסק צו זיין אין משא ומתן, האָט ער פון אַלע זיינע פערדיענסטען אָראָבגענומען מעשר (10%) און אַוועקגעלעגט אין אַ בעזונדערען בייטעל. ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פון דעם מעשר אַ היבשע סומע געלד, האָט ער עס אַוועקגעגעבען אויף צדקה און גמילות-חסד. זעהר אָפט האָט ער אָבער איינגעזעהן, אַז די בעדערפעגישען פון די אָרימע לייט, וועלכע נעהמען פון איהם צדקה און גמילות-חסד, זענען גרויס, און דאַן האָט ער אַראָבגענומען פון זיינע פערדינסטען אַ צווייטען מעשר (מעשר שני).

אין קראקא האָט ר׳ הירש געהאַט אַ הויז, דריי „שטעדט" אין דער אַלטער שוהל און אַ „שטאָדט" אין אַלטען בית המדרש, און איז געוועזן אַ מיטגליד פון פיל יודישע רעליגיעזע- און צדקה-חברות.

ר׳ הירש האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען מיט די גרעס- טע לייט פון לאַנד, וועלכע האָבען זייער צייט פערבראַכט אַמ- מייסטען אין וואַרשא אויף סיימען, ביי דעם קעניג און אויף פער- ווייליגונגען. דאַדורך האָט זיך ר׳ הירש אין די 70-גער יאָהרען בעזעצט מיט זיין פאַמיליע אין וואַרשא, וואו יודען האָבען דאַ- מאָלס אָפיציעל נישט געטאָרט וואוינען, אויסער בעת די סיימען,

---

*) אויף אַ מנורה, וואָס איז איבערגעבליבען פון ר׳ הירשעלע צענצעמינער און געפינט זיך נאָך ביז היינט ביי דאָקטאָר נח דאווידזאָהן, איז פערהאַנען פאָלגענדע אויפשריפט:

„נפתלי הירש בן שרגא פייבל ז״ל מסענצעמין, חתן ר׳ ארון שליח ב״ד מקראקא".

נאָר אַלע מאָל איז געמאַכט געוואָרען אַ אויסנאַהם פאַר באַנקיר׳ען און רייכע סוחרים.

אין וואַרשא איז ר׳ הירש׳ס פערמעגען פיל פערגרעסערט געוואָרען. פונדעסטוועגען האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיצען און לערנען און עוסק צו זיין אין ענינים פון כלל ישראל.

יודען אין וואַרשא, הגם זיי זענען זעהר אָפט אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער שטאָדט און זענען נעצוואונגען געוועז איבערצוגעהן אין פערשידענע פאָרשטעדט, האָבען זיך פונדעסטוועגען געגרינדעט פערשידענע חברות: „בקור חולים״, „תלמוד תורה״, „מלבוש ערומים״ און אויך אַ חברה קדישא, כאָטש זיי האָבען נאָך דאַמאָלס נישט געהאַט קיין בית־הקברות. זיי האָבען אויך געהאַט אַ ספּעציעלע חברה, וואָס איהרס גלייכען האָבען קיין אַנדערע קהלות נישט געהאַט און אויך נישט בעדאַרפט האָבען, נאָר זעהר נויטווענדיג איז זי געוועזען אין וואַרשא, וואו יודען האָבען נישט געטאָרט וואוינען, כמעט נישט געטאָרט האַנדלען און זיך בעשעפטיגען מיט מלאכות. דאַדורך זענען יעדען טאָג פיל יודען געכאַפּט און אַרעסטירט געוואָרען. וואַרשאווער יודען האָבען אַלזאָ געגרינדעט אַ ספּעציעלע חברה מיט׳ן נאָמען „חברה תפוסים״, דאָס הייסט אַ חברה, וואָס איהר צוועק איז צו הילף צו קומען די יודען, וואָס זיצען אין תפיסות און זיך משתדל זיין, זיי צו בעפרייען.

אין די אַלע חברות איז ר׳ הירשעל צענצעמינער געוועזען זעהר טעטיג, און האָט אויף זיי אויסגעגעבען גרויסע סומען געלד. קיין שום גבאות האָט ער אָבער נישט געוואָלט אָננעהמען, ווייל נאָך זיין מיינונג, דאַרף אַ יוד טהון מצות ומעשים טובים נאָר לשם מצוה, אָבער נישט אום ער זאָל דערפון האָבען כבוד.

ר׳ הירשעל דער באַנקיר האָט קיין מאָל נישט געבאָרגט ביי קיין שום מענש קיין געלד, נישט אַלס גמילות־חסד און נישט אויף פּראָצענט אַפילו מיט אַ היתר עסקא. פיל מאָל איז

ביי איהם געלעגען צדקה-געלד פון פערשידענע צדקה-חברות, ביי וועלכע ער איז געווען אַ „גזבר" (קאַסיר). דאָס דאָזיגע צדקה-געלד און אויך דאָס געלד, וואָס ער אַליין האָט בעשטימט אויף צדקה-זאַכען, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַלטען צוזאַמען מיט זיין געלד, נאָר אַלע מאָל געלעגט בעזונדער, אין אַ בעזונדערען בייטעל. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען געגרינדעט דאָס וואַרשאווער בית-החיים און דער קאַסיר פון דער חברה-קדישא, און אַלס אַזעלכער איז ער אַלע מאָל געווען געגען נעהמען קבורה-געלד, זאָגענדיג אַז בעת מענשען געפינען זיך אין טרויער נאָך זייערע נאָהנטע, דאַרף מען זיי נישט דולען דעם קאָפּ מיט פאָדערען פון זיי געלד; זיי אַליין דאַרפען געדענקען און געבען לויט זייער יכולת פאַר דער נשמה פונ'ם מת.

צו דעם שטעדטיל צענצעמין, וואו ער איז געבוירען געוואָרען, און אויך צו דער שטאָדט קראַקא, וואו ער האָט פערבראַכט זיינע יונגע יאָהרען, איז ר' הירשעל געווען זעהר צוגעבונדען. כל ימיו האָט ער געגעבען גאַנץ שעהנע נדבות אויף רעליגיעזע- געזעלשאַפטליכע- און צדקה-זאַכען.

בכלל איז ר' הירשעל צענצעמינער געווען אַ טיפּ, וואָס זיינס גלייכען האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען ביי די אומות העולם, און אויך צווישען יודען אין די היינטיגע צייטען איז ער שוין מעהר נישט פאַרהאַן.

אום צו בעקענען דעם לעזער מיט די פּרינציפּען, מעלות און מדות פון ר' הירשעל צענצעמינער, האַלטען מיר פאַר זעהר וויכטיג, איבערצוגעבען עטליכע שטעלען פון זיין צואה, וועלכע דערווייזען אונז, ווי אונגעהויער גרויס עס איז געווען די מדרגה פון עטיק פון דעם דאָזיגען יודישען באַנקיר, וועלכער האָט זיך נישט בעניגט געלאָזען דערמיט, וואָס ער אַליין, ביי זיין לעבען, איז געווען זעהר אָבגעהיטען פון יעדע זאַך, וואָס קאָן האָבען אַ שייכות צו עפּעס שלעכטס אין מאָראַלישען און רעליגיעזען

**א מנורה** אין מיטען א אויפשריפט:
**נפתלי הירש** ב״ר **שרגא פייבל** ז״ל מסענצימין חתן ר׳ **ארון** שליח ב״ד מקראקא.
לפרט ב״פת״לי ש״ב״ע ד׳ ציון לפ״ק. (ביי ד״ר גח דאווידזאהן.)

זין, אָבער ער האָט זיך אויך בעמיהט צו בעוואָרענען, אַז זיינע מדות זאָלען פערבלייבען ביי זיינע נאָכקומענדע לדורי־דורות *).

ר׳ הירשעלע צענצעמינער האָט געהאַט צוויי קינדער: אַ זוהן און אַ טאָכטער. דער זוהן זיינער, ר׳ ישראל הערשענזאָהן, איז אויך געווען אַ גרויסער גביר, למדן, בעל צדקה און בעל מדות טובות **). זיין טאָכטער האָט ר׳ ישראל חתונה געמאַכט מיט ר׳ שלמה אייגער, אַ זוהן פונ׳ם בעריהמטען גאון ר׳ עקיבא אייגער. ר׳ הירשעלע׳ס טאָכטער איז געווען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געשריבען, אַ פרוי פון דעם שפּעטערן וואַרשאווער רב ר׳ חיים דאַווידזאָהן. די צואה זיינע האַט אַלזאָ ר׳ הירשעלע געשריבען פאַר זיין זוהן און טאָכטער, איידעם, שנור און אייניקליך. אָנגעהויבען צו שרייבען די צואה האָט ער נאָך אין יאָהר 1785. ער איז דאַמאָלס שווער קראַנק געווען. ווען ער איז געזונד געוואָרען — אַזוי שרייבט ער אין אָנהויב פון דער צואה — האָט ער זיך בעקלערט, אַז אויב ער וואָלט געשטאָרבען פון דער קראַנקהייט, וואָלט ער אַוועק פון דער וועלט און נישט איבערגעלאָזען נאָך זיך קיין שום זכר, דאַדורך האָט ער בעשלאָסען צו שרייבען אַ צואה, אין וועלכער ער זאָל לערנען די קינדער, ווי זיי זאָלען זיך אויפפיהרען. יעדע עטליכע יאָהר האָט ער געענדערט די צואה, צוגעשריבען צו איהר עטליכע זאַכען, און פערענדיגט האָט ער זי אַ יאָהר פאַר זיין פטירה (ער איז נפטר גע־

---

*) אַממייסטען פּרטים פון ר׳ הירשעל צענצעמינער׳ס ביאָגראַפיע און די אויסצוגען פון זיין צואה נעהמען מיר פון ה. ר. טשעריקאָווער׳ס אַרטיקעל (העברעאיש) „מירושת משפחה פטריארכלית״ (פון דער ירושה פון אַ פּאַטריאַרכאַלער פאַמיליע), וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין העברעאיש־היסטאָרישען זאַמעלבוך „העבר״ תרע״ח, כרך א׳ פּטרוגרד, 117—130.

**) אין ספר „קול יעקב״ (וואַרשא 1820) פון דובנער מגיד איז געדרוקט אַ הספד אויף ר׳ ישראל׳ן פון דובנער מגיד׳ס זוהן, ר׳ ישראל קראַנץ. אינ׳ם הספד ווערט ר׳ ישראל געריהמט אַלס איינער פון די זעלטענע גדולי התורה, נדיבים און בעלי מדות טובות.

וואָרען ענדע יאָהר 1811). ער האָט אַלזאָ געשריבען די צוואה גאַנצע 25 יאָהר און בעריקזיכטיגט אין איהר אַלץ, וואָס נאָר עס איהם אַמאָל געלעגען אויפ׳ן הארץ.

קודם כל האָט ער פערשריבען היבשע סומען געלד אויף פאָלגענדע צוועקען אין וואַרשא: 1) בקור חולים, 2) הקדש, 3) תלמוד תורה, 4) מלבוש ערומים, 5) תפוסים, 6) חברת נשים, 7) מעות ארץ ישראל, 8) שמשים פון די דערמאָהנטע חברות און קהל, ווי אויך דיינים, 9) נאמנים (אויף כשרות פון פלייש) און 10) חברה קדישא פון פראַגא.

דער חברה קדישא אין וואַרשא האָט ער בעזונדער פערשריבען אַ סומע געלד, און אויסער דעם 3 טישען געדעקט מיט קופער, צו דער טהרה.

אויב אין וואַרשא ווערט געגרינדעט ווערען אַ קהל׳שע שוהל (אַלע שוהלען אין וואַרשא זענען דאַמאָלס געווען פריוואַטע) — האָט ער געשריבען — זאָלט איהר געבען פון מיין פערמעגען אויף דער שוהל 100 גאָלדענע רענדליך און דעם ספר תורה, וואָס איך האָב פונ׳ם לעווערטאָווער סופר מיט די כלי קודש און די בגדי קודש... און אויך מיין פינפרעהריגען זילבערנעם לייכטער, און איין פאָר געבלאָזענע זילבערנע לייכטער וואָס שטעהען שטענדיג ביי מיר ימים-טובים בעת׳ן דאַווענען, אויך די זילבערנע גיס-קאַן און בעקען (צו וואַשען די הענד פון די כהנים פאַר׳ן דוכנ׳ען) און צוויי זילבערנע בעכערליך אויף קידוש און הבדלה״.

פיל מעהר האָט ער פערשריבען דער קראַקאָווער יודישער קהלה: 1) אויף קמחא דפסחא, 2) קצבה פאַר אָרימע לייט, 3) אויפ׳ן אַלטען און נייעם בית החיים, 4) דעם חזן און עלטסטען שמש פון דער אַלטער שוהל, 5) פאַר׳ן שמש שני, 6) הויבען בית-המדרש, 7) אויף האַלץ צו הייצען אין דעם דאָזיגען בית-המדש דאָס ערשטע יאָהר נאָך זיין פטירה, 8) אויף האָלץ צו

הייצען אין בחורים-בית-המדרש, 9) 6 שוהלען אויף „נר תמיד", 10) 2 בתי-מדרשים אויף ליכט, 11) תלמוד תורה, 12) חברה תהלים, 13) חברה „שומרים לבוקר", 14) חברה „עשירי", 15) כשר'ה הלואה, 16) שמשים פון אלע חברות, קברנים און הקדש-לייט און „שיעור-זייגער" אין חברה „עשירי", 17) שמשים און נאמנים פון קהל, 18) דיינים, 19) דעם רב און 20) בית-דין-שמשים.

אויסער דעם האט ער פערשריבען אויף צדקה די הכנסה פון זיינע 3 „שטעדט" אין דער אלטער שוהל אין קראקא אויף 3 יאהר.

א בעזונדערע סומע געלד האט ער פערשריבען אויף פער-ריכטען דעם ברוק אין דער יודישער גאס אין פראגא.

פונ'ם הויז, וואס ער האט געהאט אין קראקא, האט ער געהייסען אבגעבען איין שטוב אויף א בית-המדרש. אויב קהל וועט נישט וועלען אננעהמען די שטוב, זאל מען זי געבען די חברה „עשירי", אדער מאכען פון איהר אנ'אנדער „דבר טוב", „נאר — שרייבט ער זיינע קינדער — איהר זאלט זעהן, עס זאל זיין בעווארענט מיט אלע בעווארענישען, אז עס זאל האבען א קיום אויף דורי דורות".

פאר זיין געבורטס-שטאדט, צענצעמין, האט ער פערשריבען א פאנד „נר-תמיד" דאס גאנצע ערשטע יאהר נאך זיין פטירה, צוויי ליכט פאר'ן עמוד בעת'ן דאוונען און אין א טאג פון קריאת התורה נאך צוויי ליכט אויפ'ן שלחן פון קריאת התורה, אויפ'ן תקון פון אלטען און נייעם בית-החיים, פאר'ן חזן מיט'ן שמש, אויף דער מקוה, אויף תקון פון די ספרי-תורות אין שוהל א. אז. וו.

אין טאג פון זיין קבורה, בעת דער לויה און אין טאג פון זיין יאהרצייט — האט ער פערלאנגט — זאל מען פונאנדערטיי-לען א גרויסע סומע געלד צווישען ארימע לייט אהן אונטער-שיד צווישען יודען און קריסטען, און אויך צווישען די דיינים פון דער שטאדט.

אין דער צואה האָט ער פערלאַנגט פון די קינדער, אַז בעת יציאת הנשמה זאָלען געבען זיין בעט שטעהן 10 פרומע יודען און זאָגען „מעבר יבוק". די גאַנצע שלשים זאָלען די דאָזיגע 10 יודען, צוזאַמען מיט זיינע קינדער, דאַוונען אין זיין שטוב שחרית און מנחה ומעריב מיט מנין און לערנען משניות. דאָס גאַנצע ערשטע יאָהר נאָך זיין פטירה זאָלען דריי יודען אין וואַרשא און דריי אין קראקא לערנען משניות אויף זיין „תקון נשמה". אין דער יאָהרצייט זאָלען 6 יודען, איינער נאָכ'ן אַנדערען, לערנען משניות אָהן אויפהער, אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצען טאָג. — אויף דעם אַלעם האָט ער פערשריבען אין דער צואה בעזונדערע פאָנדען.

ער האָט אויך געהייסען, אַז אויב ער וועט נישט אַליין זיך פאָרבערייטען תכריכים, זאָל מען איהם מאַכען תכריכים פון „געמאַנגעלטע לייווענט" און מען זאָל איהם געבען אַ נייעם קיטעל. זיין אַלטען קיטעל זאָל מען געבען איינע פון זיינע דינסט-מיידלעך, אָדער אַנ'אַנדער אָרים מיידעל.

אויסער דעם אַלעם האָט ער געהייסען: ביז די יורשים וועלען זיך איינטיילען מיט דער ירושה, וואָס בלייבט זיי נאָך איהם, זאָלען זיי פון די הכנסות פון זיין פערמעגען אָראָבנעהמען מעשר ראשון און מעשר שני (איין מאָל 10% און נאָך אַמאָל 10%), און אויך תרומה (אַ פינפטעל—20%). בעזונדער פון דער ירושה, וואָס זיי וועלען בעקומען, זאָלען זיי אויך אָראָבנעהמען מעשר ראשון און מעשר שני און די אַלע סומען אָבגעבען אויף צדקה און גמילות-חסד.

וועגען דעם אָבגעבען פערשידענע סומען געלד אויף צדקה און גמילות-חסד שרייבט ר' הירשעלע אין זיין צואה צו זיינע קינדער:

„אייגענטליך וואָלט איך בעדאַרפט הייסען אַראָבנעהמען אַ העלפט פון מיין פערמעגען אויף דעם תקון פון מיין נשמה

אום איך אַליין זאָל זיין אַ גלייכער יורש מיט אייך, דען מיר קומט דאָך על כל פנים אַזוי פיל, וויפיל עס קומט אייך... נאָר אפשר וועט אַ העלפט פון דער ירושה ווייניג זיין פאַר אייך, וויל איך נישט, איהר זאָלט אויף מיר האָבען פערדרוס"...

ר' הירשעלע איז אויף דער עלטער געוואָרען אַנ'אלמן, און האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטע פרוי. וועגען איהר שרייבט ער צו זיינע קינדער אין זיין צואה:

„אַ חלק פון דער ירושה זאָלט איהר געבען אויך אייער שטיף-מוטער שיינדיל. איהר זאָלט איהר אויסצאָהלען די כתובה און אַרויסגעבען די טייערע חפצים, וואָס געהערען צו איהר. אויסער דעם זאָל זי פון אייך בעקומען די קליידער און וועש... 600 טאָלער אויף צירונג און מלבושים... די צוויי זילבערנע לייכטער אָהן רעהרען, אין וועלכע זי צינדט שבת-ליכט, אַ פּאָר זילבערנע מעסער, גאָפּעל און לעפעל, נאָר דאָס זאָלט איהר קויפען פאַר איהרעט וועגען, און פון די שטוב-זאַכען זאָל זי גאָר נישט בעקומען. זי זאָל וואוינען אין אייער הויז דאָס גאַנצע ערשטע יאָהר נאָך מיין טויט און דאָס יאָהר זאָלט איהר געבען איהר 7 פּראָצענט פון דעם מזומן-געלד, וואָס בלייבט נאָך מיר, וואָס עס וועט בעטרעפען אַ סומע פון 1500 גאָלדענע רענדליך, נאָר מיט דער בעדינגונג, אַז זי זאָל דאָס יאָהר נישט חתונה האָבען. איך בעט אייך, איהר זאָלט מיין פרוי, אייער שטיף-מוטער, האַלטען בכבוד, איהר דאָס לעבען נישט פערביטערען, קיין עגמת-נפש איהר נישט אָנטהון, איהר זאָלט זיך מיט איהר אויפפיהרען, ווי מיט א אמת'ע מוטער".

די אייניקלעך האָט ער פערשריבען געלד, הויז-זאַכען א.אַז.וו. אויסער דעם האָט ער געהייסען געבען יעדען אייניקעל אין חתונה טאָג 200 טאָלער „דרשה-געשאַנק" און ש"ס, משניות'ן און אַ ספר-תורה.

די דינערשאַפט האָט ער געהייסען געבען צו 200 גילדען

נדן און אויסער דעם אַ בחור אַ נייע קאַפּאָטע און אַ מיידעל — אַ קיטעל און אַ טלית.

פערשידענע אָרימע קרובים, נאָהנטע און וויטערע, האָט ער פערשריבען פערשידענע סומען געלד און געבעטען, אַז ווען ווער פון זיי וועט חתונה מאַכען אַ טאָכטער, זאָלען זיינע קינדער געבען 200 גילדען אויף נדן און אַ קיטעל מיט אַ טלית. אויסער דעם האָט ער געבעטען, אַז די אָרימע קרובים, וואָס ער האָט געפלעגט שיקען געלד יעדעס יאָהר און בעזונדער אויף ימים-טובים, זאָלען זיינע קינדער וויטער שיקען די זעלבע סומע געלד.

זיין מחותן ר׳ עקיבא אייגער האָט ר׳ הירשעלע פערשריבען 100 גאָלדענע רענדליך. מורא האָבענדיג, אַז ר׳ עקיבא וועט דאָס געלד באַלד אָוועקגעבען, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער געהייסען, מען זאָל איהם די 100 רענדליך נישט געבען, נאָר דעם פּראָצענט זאָל מען איהם אויסצאָהלען.

„אויב ר׳ עקיבא וועט וועלען דרוקען זיינס אַ חבור — האָט ר׳ הירשעלע געשריבען אין זיין צואה — און ער וועט נישט האָבען אויף הוצאות, מעגען מיינע יורשים געבען ר׳ עקיבא׳ן אַ חלק פון דעם קרן קימת (די 100 רענדליך) אויף דרוק-בעדערפעונישען, כדי ער זאָל חס וחלילה נישט דאַרפען זיך ערנידעריגען און זאַמלען פּרענומעראַנטען אויף זיין חבור, ווי עס פיהרען זיך אַנדערע מחברים אין די היינטיגע צייטען״.

מעהר ווי אַ העלפט פון דער גרויסער צואה פערנעהמען די עטישע עצות, וואָס ער גיט זיינע קינדער און די לעהרער, וואָס ער גיט זיי, ווי זיי זאָלען זיך אויפפיהרען.

„מיר לעבען אין גלות, צווישען פרעמדע פעלקער—שרייבט ר׳ הירשעלע אין זיין צואה — דעריבער דאַרפט איהר נישט האַלטען צו פיל דיענסטען און נישט פערשווענדען קיין געלד. דורך פערשווענדונג זענען פיל עשירים אָרעם געוואָרען. קליידט

אייך נישט אין זיידענע מלבושים, טראָגט אויך נישט צו-געמיינע מלבושים״...

„איך בעט אייך — שרייבט ער צו זיינע קינדער — איהר זאָלט זיך נישט בעשעפטיגען צו פיל מיט מסחר, איהר זאָלט וועניגער האַנדלען און מעהר לערנען. נעהמט זיך אַ מוסר פון מיר: ווען איך האָב מיך צו פיל אַריינגעטהון אין מסחר, זע-נען מיינע געשעפטען שלעכט געגאַנגען. דאָס צו פיל בעשעפטי-גען זיך מיט מסחר האָט מיך נישט איין מאָל געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל מיך פערנאַכלעסיגען אין עבודת הבורא״.

וועגען מסחר גופא שרייבט ער:

„איהר זאָלט אַלע מאָל האַנדלען עהרליך און האַלטען וואָרט... איהר זאָלט זיך נישט שווערען... נאָר זאָגען די קונים: אַזוי פיל און אַזוי פיל קאָסט דאָס... בארגט נישט קיינעם קיין געלד אויף וועקסלען. נעהמט נישט און גיט נישט קיין פראָצענט אָהן היתר עסקא. אייערע חובות צאָהלט אַלע מאָל אין בעשטימ-טען טערמינען... יענעמס פערמעגען זאָל ביי אייך זיין, ווי אייער אייגענס... היט זיך פון צו זיין עדות... זייט נישט קיין ערב פאַר קיינעם... היט זיך אָב פון פיהרען משפטים, אַפילו דיני תורות... אויב איהר וועט וועמען בארגען געלד און ער וועט נישט קאָנען בעצאָהלען דעם חוב צום בעשטימטען טערמין, זאָלט איהר איהם נישט נוגש זיין. אויב ער וועט זאָגען, אַז אָן דעם געלד, וואָס ער האָט ביי אייך געבאָרגט, האָט ער גאָר נישט פערדיענט, זאָלט איהר ביי איהם קיין פראָצענט נישט נעהמען... יאָגט זיך נישט נאָך גבאות׳ן... אַפילו נאָך כבוד, וואָס קומט אייך, און מכל שכן נאָך אַ כבוד, וואָס איהר זענט איהם נישט ווערט. אין קהל׳ישע ענינים זאָלט איהר אַרבייטען טריי. די דאָזיגע ענינים זאָלען ביי אייך טייערער זיין פון אייערע אייגענע געשעפטען. אויב איהר וועט האָבען קהל׳יש געלד אָדער צדקה-געלד ביי זיך, זאָלט איהר עס חס ושלום נישט אויסמישען מיט אייער אייגען געלד, נאָר

עס אַריינלעגען אין אַ בעזונדערען בייטעל און פערשרייבען אין אַ בעזונדער ביכעל... גיט, ווי איך, מעשר ראשון און מעשר שני פון אייערע פערדינסטען אויף צדקה און גמילות־חסד... אויסער וואָס איהר וועט געבען בעזונדער צדקה. געבענדיג צדקה, זאָלט איהר נישט געבען אָפען, ווי פאַר כבוד וועגען, נאָר שטיל, קיינער זאָל נישט זעהן און קיינער זאָל נישט וויסען... טהועדיג שדוכים מיט קינדער, קוקט נישט אויף עשירות, אויך נישט אויף גרויסען יחוס... דער עיקר איז תורה און יראת־שמים..."

די גאַנצע צוואה איז געשריבען העברעאיש. בעזונדער אויף יודיש, ווי מען האָט אין יענער צייט געשריבען, ווענדעט ער זיך צו זיין טאָכטער, ר' חיים'ס פרוי.

אַלס כאַראַקטעריסטיק געבען מיר דאָ איבער די דאָזיגע שטעלע מיט'ן לשון און מיט דער אָרטאָגראַפיע, ווי זי איז געשריבען אין דער צוואה:

„אהובתי בתי רחל שתחי'. איך בעט דיך ג"כ אונ' בין דיך מזהיר באזהרה גדולה למאד למען השם דיא זאָלשט זעהען בעלך נ"י בכבוד צו האַלטען בכל מה דאפשר בכל העניינים... וועז אויך ער איז איין מאָל אין כעס זאָלשט איהם פערשווייגען ומכש"כ ח"ו שלא לקלל אותו כדרך הנשים... גם וואָס מעגליך איז אַז זאָלשט קענען פורק עול משא ומתן זיין מבעלך, מה טוב בעיני הבריות".

בכלל וואָרענט ער די טאָכטער, זי זאָל חס ושלום נישט שעלטען נישט זיך, נישט איהרע קינדער, נישט אין אמת'ן און אויך נישט אויף קאַטאָוועס.

אין סוף פון דער צוואה ווענדעט ער זיך צו בעקאַנטע און קרובים מיט פאָלגענדע ווערטער:

„רבותי, כבוד הקהל וכבוד הגבאים וחברות קדושות דפה וואַרשאווא ופראגא ודק' קרקא וכל קרובי, הן די, וואָס געפינען זיך דאָ, הן די, וואָס געפינען זיך אין אַנדערע ערטער, איך בעט

אייך זעהר: היות איך געה אויפ׳ן עולם אמת, טאָמער האָב איך חס ושלום ווען פון אייך פוגע בכבוד געווען, הן מיט אַ וואָרט, הן מיט א טהאַט, וואָס איך האָב איינעם פון אייך געטהון נישט ווי געהעריג, הן מיט מיין גוף, הן מיט מיין געלד — אויף דעם אַלעם בעט איך ביי אייך אַ מחילה גמורה און עס זאָל זיין ביי אייך, ווי מיין געשטאַלט וואָלט געשטאַנען פאַר אייך און געבעטען און געפאַלען אויף דער ערד פאַר יעדען בעזונדער מיט אַ צובראָכען האַרץ און מיט ביטערע טרערען, איהר זאָלט מיר אַלץ מוחל זיין במחילה גמורה״.

די צוואה ענדיגט ר׳ הירשעלע מיט פאָלגענדע ווערטער:

„אהובי רבותי! פון איצט אָן שטעה איך פאַר הקדוש ברוך הוא וברוך שמו און זיין שכינה, פאַר׳ן בית־דין של מעלה און בית־דין של מטה, און די ווערטער, וואָס איך רעד איצט וועלען בלייבען און דויערען אייביג, וואָרים איך שרייב די אַלע ווערטער מיט ישוב הדעת און מיט שכל, און איך נעהם אויף מיר דעם עול מלכות שמים און זאָג עדות, אַז הקדוש ברוך הוא וברוך שמו איז אַ סיבה פון אַלע סיבות, און ער איז געווען און איז, און וועט זיין, און ער האָט אַלץ בעשאַפען יש מאין, ער איז דער ערשטער פון אַלע ערשטע און דער לעצטער פון אַלע לעצ־טע, שמע ישראל, ה׳ אלקינו, ה׳ אחד! ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!״.

כדי די צוואה זאָל בלייבען לדורי דורות און זיינע אַלע נאָכקומענדע זאָלען האַלטען אַלץ, וואָס אין איהר איז געשריבען, האָט ער אין איהר געבעטען זיינע קינדער, זיי זאָלען זי לייענען יעדעס יאָהר דעם ערשטען טאָג סליחות, אָדער עשרת ימי התשובה, יעדען יומא דפגרא (ראש־חודש, חנוכה, פורים, א. ד. ג.) און אויף אייגענע שמחות, און זאָלען הייסען זייערע קינדער און די קינ־דער — קינדס־קינדער — זיי זאָלען אַלע לייענען די צוואה, אין דער בעשטימטער צייט. די קינדער זאָלען איבערשרייבען די

צואה, היטען זי דורי־דורות, און אויך זי פונאַנדערשיקען ין אַלע ערטער, וואו עס וואוינען זיינע נאָהנטע און ווייטע קרובים.

ר׳ הירשעלע הייסט אויך אין דער צואה זיינע קינדער ז״י זאָלען אויך, ווי ער, שרייבען צוואות וואָס פריהער און ז׳ א׳מ־שרייבען יעדע 5 יאָהר.

## הרב ר׳ חיים דאַווידזאָהן.

אין די אויסצוגען פון ר׳ הירשעלע צענצעמינער׳ס צואה, וואָס מיר האָבען געבראַכט אינ׳ם פאָריגען פּרק, האָבען מיר גע־זעהן, וואָס פאַר אַ גרויסע פּערזענליכקייט עס איז געווען דער דאָזיגער יודישער גביר, באַנקיר, למדן און בעל־צדקה, אַ פּערזענ־ליכקייט, וואָס איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג, אַפילו אין דעם פּערציטישען יודענטום, וועלכעס האָט פערמאָגט אַזוי פיל אידע־אַליסטען און איבערגעגעבענע מיט׳ן גאַנצען לעבען דעם יודיש־קייט און דעם יודישען פאָלק.

ביי אַט דעם ר׳ הירשעלע אין שטוב איז אויפגעצויגען געוואָרען און אויפגעוואַקסען ר׳ חיים פון פינטשוב, וועלכער האָט נאָך אין זיינע קינדער־יאָהרען זיך קונה שם געווען אַלס גרויסער עלוי און דאַדורך האָט ער זוכה געווען צו ווערען אַ איידעם פון אַ בעריהמטען גביר, נדבן און למדן, וואָס האָט איהם גענומען פאַר אַ מאַן פאַר זיין איינציגע טאָכטער, רחל.

חתונה געהאַט האָט ר׳ חיים נאָך זייענדיג אַ קינד, צו דער בר־מצוה. אין יענע צייטען האָבען יודען בכלל זעהר פריה חתונה געמאַכט זייערע קינדער, בפרט יתומים, וואָס זענען געבליבען אָהן אַ פאָטער, כדי, נישט האָבענדיג אַ פאָטער, וואָס זאָל אַכטונג געבען, זיי זאָלען געהן בדרך הישר און זאָלען זיצען און לערנען, זאָלען זיי בלייבען אונטער דער השגחה פון שווער. אַממייסטען האָט מען זיך געאיילט מיט חתונה מאַכען די עלוים, וועלכע ריי־כע יודען האָבען פּשוט אויסגעכאַפּט, זיי געקליידט, געגעבען

גרויסע נדב׳עך און מתנות, פערשפּראָכען אייביגע קעסט און צו־געצאָהלט גרויסע סומען געלד זייערע קרובים.

ר׳ חיים, וועלכער איז געוועזען, ווי עס איז אויבען דער־מאָהנט, אַ יתום, האָט אַלזאָ חתונה געהאַט זעהר יונג, ווען ער איז נאָך געוועזען אַ קינד און איז ערצויגען געוואָרען ביי ר׳ היר־שעלע צענצעמינער, וועלכער האָט איהם געגעבען קעסט און ער איז געזעסען און געלערנט *). שפּעטער, ווען ער איז אויפגעוואַקסען, האָט ער אָנגעהויבען פיהרען אייגענע געשעפטען, אָבער נאָר דורך אגב. די הויפּט בעשעפטיגונג זיינע איז געוועזען דער למוד התורה.

אויבען האָבען מיר געזעהן, אַז ר׳ הירשעלע האָט געבעטען זיין טאָכטער רחל, זי זאָל, ווי וויט מעגליך, אַראָבנעהמען פון איהם דעם עול פון משא ומתן. ביי זיין לעבען האָט ר׳ היר־שעלע אַליין אַכטונג געגעבען, אַז די געשעפטען זאָל פיהרען זיין טאָכ ער און דער איידעם זאָל עוסק זיין נאָר אין תורה.

דער עלוי ר׳ חיים האָט טאַקע נאָך אין די יונגע יאָהרען בע־קומען אין גאַנצען לאַנד אַ שם אַלס אַ גדול בתורה, און אויסצייכענענדיג זיך מיט זיינע גוטע מדות און אויפפיהרונגען, איז ער גליך געוואָרען איינער פון די אָנפיהרער פון דער וואַרשאווער קהלה, וועלכע האָט פאַקטיש אָנגעפיהרט מיט אַלע ענינים פון׳ם גאַנצען יודישקייט אין פוילען, און אָהן זיין הסכמה איז אין דער קהלה גאָר נישט געטהון געוואָרען.

דעם פאַמיליען־נאָמען דאַווידזאָהן האָט ר׳ חיים אָנגענומען אין יאָהר 1797, ווען עס איז אַרויס אַ בעפעהל פון׳ם פּרייסישען קעניג (וואַרש האָט דאַמאָלס געהערט צו פּרייסען), אַז יעדער יוד איז מחויב אָנצונעהמען אַ פאַמיליען־נאָמען (ביז דאַמאָלס האָבען יודען אין פוילען קיין פאַמיליען־נעמען נישט געהאַט). אַנדערע פרומע יודען האָבען אָנגענומען פאַמיליען־נעמען, אָבער באַלד האָבען זיי די דאָזיגע נעמען פערוואָרפען און זיך

*) ער איז געוועזען אַ תלמיד פון׳ם בעוואוסטען גאון ר׳ יעקב מליסא, וועלכער האָט איהם אויך געגעבען סמיכה אויף רבנות.

ווייטער אונטערגעשריבען אויף אַלע אַקטען בלויז מיט זייערע יודישע נעמען, צוגעבענדיג דעם נאָמען פון זייערע פאָטערס, אָדער די נעמען פון די שטעדט, פון וועלכע זיי האָבען געשטאַמט, ווי למשל: דוב בער בן ר' שמואל (אויף פויליש בלויז Berek Szmul), מיכל ראווער (אויף פויליש Michał Rawski), ווייל זיי האָבען געהאַלטען דעם פאַמיליען-נאָמען פאַר נישט יודיש, פאַר אַ „חקות הגוים". ר' חיים, וועלכער איז קיין פאַנאַטיקער נישט געווען און זייענדיג אַ גדול בתורה האָט ער גוט געוואוסט, וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט, האָט ער יוצא גע-ווען ביידע זאַכען: אי ער האָט זיך גערופען אויפ'ן פאָטער'ס נאָמען, אי ער האָט געהאַט אַ פאַמיליען-נאָמען. ער האָט אָנגענו-מען דעם פאַמיליען-נאָמען ד א ו י ד ז א ה ן, ווייל זיין פאָטער האָט געהייסען ד ו ד און אונטערגעשריבען האָט ער זיך יודיש „ד ו ד י א ה ן", דאָס הייסט דוד'ס זוהן.

שטיל, רוהיג, בעשיידען האָט זיך ר' חיים אויפגעפיהרט. זיינע געשעפטען האָט אַממייסטען געפיהרט זיין פרוי. זי האָט געהאַלטען די צואה פון איהר פאָטער און ווי ווייט מעגליך האָט זי איהם בעפרייט פון מסחר. ער האָט זיך אין די געשעפטען געמישט נאָר ווען עס איז נויטיג געווען און כמעט שטענדיג איז ער געזעסען און געלערענט, אָדער זיך פערנומען מיט די וויכ-טיגסטע ענינים פון כלל ישראל.

אין זיין לערנען האָט ער זיך מתרחק געווען פון די איבער-געשפּיצטע פלפולים, וואָס זענען אין יענע צייטען געווען זעהר פערברייט צווישען די לומדים. פונדעסטוועגען, ווען עס זענען זיך ביי איהם צונויפגעקומען רבנים און לומדים און האָבען איהם געזאָגט זייערע פלפולים, האָט ער זיי רוהיג אויסגעהערט, נאָר ווען זיי האָבען געענדיגט, האָט ער זיי געבעטען, זיי זאָלען אַריינקוקען אין דעם, אָדער אין יענעם ספר פון די ראשונים,

וואו עס וועט זיך „אפשר״ אַרויסווייזען, אַז דער גאַנצער פּלפּול איז נישט נויטיג, אָדער ער איז אין גרונד געגומען נישט ריכטיג.

ר׳ חיים דאַווידזאָהן איז אויך געווען אַ גרויסער בקי אין ספרי מחקר, „מורה נבוכים״, פון רמב״ם, „עקדה״ און פיל אַנדערע. ער האָט אויך געלערענט זוהר און אַנדערע קבלה ספרים.

האַלטענדיג זיך פעסט אָן אַלע יודישע דינים, איז ער געווען אַ גרויסער מתנגד אויף רביים און חסידים, וועלכע האָבען, לויט זיין מיינונג, פערשוואַכט דעם כבוד התורה און עובר געווען נישט אויף איין דין. פונדעסטוועגען האָט ער עפענטליך נישט געקעמפט געגען זיי, וואָרום סוף כל סוף זענען חסידים איהם ליבער געווען פון די מופקרים, וואָס האָבען אין גאַנצען אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם עול פון יודישקייט. ער האָט נאָר, ווי וויט מעגליך, זיך געגענגעשטעלט געגען פערברייטערן דאָס חסידות צווישען די אָרטאָדאָקסישע יודען. האָט אַ חסיד, אָדער אַפילו אַ רבי, עוסק געווען אין למוד התורה, האָט איהם ר׳ חיים מקרב געווען, זאָגענדיג, אַז ער איז זיכער, דער מאור שבתורה (די ליכט פון דער תורה) וועט איהם מחזיר למוטב זיין און ער וועט סוף כל סוף אויפהערען צו זיין אַ רבי און אַ חסיד. פיל מאָל האָט ער ביי זיך אויפגענומען דעם גערער רבי׳ן ר׳ איטשע מאיר, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער גדול בתורה. ער האָט אויך נישט אָבגעזאָגט אונטערצושרייבען אַ כרוז, אויף וועלכען עס זענען געווען אונטערגעשריבען די רביים ר׳ יצחק וואָרקער און ר׳ איטשע מאיר, ווען ער האָט פערשטאַנען, אַז די טובה פונ׳ם כלל ישראל פאַרלאַנגט דאָס. *)

ר׳ חיים איז געווען אַנ׳אמת׳ער בורח מן הכבוד. וויפיל ער האָט געקאָנט האָט ער זיך אָבגעהאַלטען פון זיין אַ מיטגליד פון קהל, הגם ער האָט פיל געאַרבייט פאַר ענינים פון דער קהלה. עס איז אין איהם אָבער מקוים געוואָרען דער מאמר חז״ל:

---

*) וועגען דעם דאָזיגען כרוז וועלען מיר ווייטער שרייבען.

„הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו״ (ווער עס ענטלויפט פון כבוד, לויפט איהם דער כבוד נאָך), און אין דער קהלה איז קיין וויכטיגע זאַך נישט געטהון געוואָרען אָהן דער מיטווירקונג, אָדער וועניגסטענס אָהן דער הסכמה פון ר׳ חיים דאַווידזאָהן.

די רעגירונג האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז ר׳ חיים איז זעהר געאַכטעט ביי יודען אין גאַנצען לאַנד, און ווען זי האָט זיך געוואָלט בעראַטען מיט יודען וועגען יודישע ענינים און ווירקען אויפ׳ן כלל יודען, האָט זי זיך אַלע מאָל בענוצט, צווישען אַנדערע, מיט ר׳ חיים׳ען, וועלכען זי האָט בעשטימט אַלס איינעם פון די „דעלעגאַטען פון יודישען פאָלק״ אין לאַנד.

אַזוי זעהען מיר, אַז אין די יאָהרען 1818 און 1824, ווען די הכנסות פון אָבצאָהל פון כשר פלייש זענען קלענער געוואָרען, האָט די פינאַנץ-קאָמיסיע (מיניסטעריום) איינגעלאַדען צו זיך אַלס „דעלעגאַטען״ די פאָרנעהמסטע יודען פון גאַנצען לאַנד און פון זיי פערלאַנגט, זיי זאָלען איהר ערקלערען, פאַר וואָס די הכנסות זענען פערקלענערט געוואָרען און זיי זאָלען אויך אויסגעפינען אַ מיטעל זיי צו פערגרעסערן. צווישען די דאָזיגע דעלעגאַטען איז געוועזען אויך ר׳ חיים דאַווידזאָהן. *)

די רעגירונג האָט גוט געוואוסט, אַז ר׳ חיים דאַווידזאָהן גילט ביי יודען פאַר אַנ׳אויטאָריטעט און זי האָט דאָס אויסגענוצט ביי יעדער געלעגענהייט.

יאָהרען לאַנג האָבען יודען אין פוילען געפיהרט אַ שווערען קאַמף געגען צוויי זאַכען: געגען איינפיהרען אַ געזעץ וועגען נעהמען יודען צו מיליטער-דיענסט, און וועגען געוויסע ענדערונגען, וואָס די רעגירונג האָט געוואָלט מאַכען אין יודישע רעליגעזע ספרים: אין תלמוד און שלחן ערוך און אין סדורים און מחזורים, ווייל פערשידענע משומדים און מוסרים האָבען

*) די אַקטען וועגען דעם ענין געפינען זיך צווישען די אַקטען פון אָבצאָהל פון כשר-פלייש אין פינאַנץ-ארכיוו אין ווארשא.

געמסר'ט פאַר דער רעגירונג, אַז אין די דאָזיגע ספרים געפינען זיך שטעלען, וואָס זענען שעדליך פאַר דער מלוכה. יודען האָבען אין יענע צייטען יעדעס יאָהר געזאַמעלט געלד און געגעבען די העכסטע רעגירונגס-לייט, אום די גזרות אָנצוהאַלטען. עס איז אָבער צום נאַמיעסטניק אָנגעקומען אַ מסירה, אַז דער וואַרשאווער דאָזאָר און די חשוב'סטע בעלי-בתים זאַמלען אין גאַנצען לאַנד געלד אויף די דערמאָהנטע צוועקען. די רעגירונגס-לייט האָבען זעהר מורא בעקומען, אַז די מסירה זאָל נישט אָנקומען צום קייזער און דאַדורך האָבען זיי זיך געגעבען אַזאַ עצה: זיי האָבען זיך געלאָזט אָנשרייבען אַ צירקולאַר אויף יודיש און פויליש, אין וועלכען עס ווערט פערזיכערט, אַז די וואַרשאווער רבנים, דאָזאָר און חשוב'סטע בעלי-בתים, האָבען קיין מאָל נישט געקליבען געלד אויף דעם דערמאָהנטען צוועק, און די וואָס קלויבען געלד אין זייער נאָמען, זענען פשוט'ע בעטריגער. — אויף דעם דאָזיגען צירקולאַר האָבען זיי אונטערגעשריבען די מיטגליעדער פון דאָזאָר, די 7 חשוב'סטע בעלי-בתים (שבעה טובי העיר) פון דער וואַרשאווער קהלה און דעם דאַמאָלסדיגען וואַרשאווער רב, ר' שלמה זלמן ליפשיץ (דער מחבר פון ספר „חמדת שלמה") און איהם אַריינגעשיקט צום דאָזאָר, ער זאָל איהם לאָזען אָבדרוקען און מכלומר'ש פונאַנדערשיקען אין אַלע יודישע קהלות אין לאַנד, כדי זיי זאָלען קאָנען אויפווייזען צו יעדער צייט, אַז די דערמאָהנטע מסירה איז פאַלש.

צווישען די „שבעה טובי העיר", וואָס די רעגירונגס-לייט האָבען אונטערגעשריבען אויפ'ן צירקולאַר, געפינט זיך ר' חיים דאַווידזאָהן. *)

ר' חיים דאַווידזאָהן האָט אויך זעהר מיטגעפיהלט מיט די פאָליאַקען, וואָס האָבען געשטרעבט צו בעפרייען פוילען פון דעם

*) זעה 1-טע ביילאַגע.

תואר פני אדונינו מורנו ורבינו הרב הגאון הגדול מופת הדור כקש"ת מהו' חיים דודזאהן
אב"ד מווארשויא והגליל נאסף אל עמיו שנת תדי"ר לפ"ק תשעים וארבע לשני ימי חייו

**CHAIM DAWIDSOHN**

**Rabin Stolicy Warszawy i Okręgów Warszawskich**

**urodził się r. 1760—zgasł r. 1854.**

בילד פון מאלער ש. שטערלינג. (ארגינאל ביים אדוואקאט ק. שטערלינג.)

יאָך פון פרעמדע, און גלייכצייטיג האָט ער זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם כלל ישראל.

ענדע יאָהר 1830 האָט, ווי בעוואוסט, אויסגעבראָכען אין פוילען אַ רעוואָלוציע געגען די רוסען, און באַלד אין אָנפאַנג זענען פיל יודישע הייזער און געשעפטען אין וואַרשא פּאָגראָמירט געוואָרען.

די רייכערע איינוואוינער פון וואַרשא, קריסטען און יודען, זענען אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד. צווישען אַנדערע זענען אויך ענטלאָפען די מיטגלידער פון דאָזאָר און פון אַלע זענען געבליבען נאָר צוויי: ר׳ יוסף חיים האַלבערשטאַם און ר׳ ישעיה פּאָזנער. ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט זיך פון דער שטאָדט נישט גערירט, הגם אַלס בעוואוסטער רייכער יוד איז זיין לעבען געווען אין סכנה. ער האָט באַלד נאָכ׳ן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון די חשוב׳סטע בעלי-בתים, וואָס זענען געבליבען אין שטאָדט, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו קלייבען ביי יודען נדבות אויף דער רעוואָלוציע און מונדירען פאַר יודישע פרייוויליגע, וואָס טרעטען אַריין אין דער פוילישער אַרמעע.

דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט אַזוי טיכטיג געאַרבייט, אַז אין די ערשטע 5 טעג האָט ער צונויפגעקליבען אַ סומע פון 40.000 גילדען, הגם די אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציע האָבען אויף דער יודישער געמיינדע אַרויפגעלעגט אַ חוב צו געבען גרויסע סומעס געלד אויף די בעדערפענישען פון דער פאָלקס-גוואַרדיע, וואָס איז דאַמאָלס געגרינדעט געוואָרען.

און אָט איז אָנגעקומען אַ נייע סכנה פאַר דעם כלל ישראל. דאָס מאָל האָט די סכנה געשטאַמט פון יודען אַליין.

יודען אין פוילען זענען אין יענע צייטען נישט גענומען געוואָרען צו מיליטער-דיענסט. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע, האָבען זיך עטליכע יודישע יונגע-לייט געווענדעט

צו דעם קריעגס-מיניסטער פראַנציזשעק מאַראַווסקי מיט אַ ביטע, מען זאָל זיי אָננעהמען אין מיליטער אַלס פריי־וויליגע, ערקלע־רענדיג, אַז אַלס קינדער פונ׳ם לאַנד, זענען זיי גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר פוילען און פאַר׳ן פוילישען פאָלק. דער מיניס־טער האָט אָבער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט אָננעהמען קיין יודען אַלס פריי־וויליגע, ווייל „ער קאָן נישט דערלאָזען דערצו, אַז דאָס פוילישע ריטער־בלוט זאָל זיך צונויפמישען אויף די שלאַכט־פעלדער מיט יודיש בלוט". „עס איז אויך אַ חרפה — האָט ער געזאָגט — פאַר אייראָפּא. די וועלט וועט זאָגען, אַז ווען פוילען נעהמט זיך צו קעמפען פאַר איהר פרייהייט, מוז זי אָנקומען צו דער הילף פון יודען".

עס האָבען זיך אָבער דאַן געפונען דריי יודען: יוסף בער־קאָוויטש (אַ זוהן פונ׳ם בעוואוסטען בערעק יאָסעלעוויטש), סיני הערביש און האָראָוויץ, וועלכע האָבען זיך געווענדעט מיט אַ בי־טע צום דיקטאַטאָר כלאַפּיצקי, ער זאָל ערלויבען צו גרינדען אַ בעזונדערע יודישע אַרמעע מיט׳ן נאָמען „יודישע פרייוויליגע".

די דאָזיגע ביטע איז איבערגעשיקט געוואָרען צום דאָזאָר מיט אַ פאַרלאַנג צו ערקלערען, צי ער, אָדער אַנדערע חשוב׳ע בעלי־בתים האָבען בעפולמעכטיגט די דערמאָהנטע דריי יודען צו פאָרבערייטען דעם פּראָיעקט וועגען גרינדען אַ בעזונדערע יודי־שע אַרמעע.

דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָבען די קלוגערע, מעסיגערע יודען בעטראַכט אַלס אַ סכנה פאַר׳ן כלל ישראל אין פוילען. די שנאה צו יודען, ווי מען קאָן זעהן פונ׳ם ענטפער פון קריעגס־מיניסטער, איז געווען גרויס און טאַקי נאָר די שנאה, וועלכע האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז מען האָט נישט געוואָלט אָננעה־מען יודישע פרייוויליגע אין מיליטער, האָט געבראַכט דערצו, אַז די דריי אונבעפולמעכטיגטע און אונפעראַנטוואָרטליכע יודען זאָלען פּראָיעקטירען אַ בעזונדערע יודישע אַרמעע, וואָס קאָן האָבען

זעהר שלעכטע פאָלגען. ביי אַ מלחמה קאָן דאָך קיינער פאָראויס נישט זיכער זיין, אַז ער וועט מנצח זיין און אויב די יודישע אַרמעע וועט ליידען אַ מפלה, וועט די שנאה נאָך מעהר צופלאַקערט ווערען, מען וועט אויסטראַכטען פערשידענע בלבולים אויף די יודישע סאָלדאַטען און בעת אַ מלחמה קאָנען נאָך דורך די דאָזיגע בלבולים אומקומען אַלע יודען, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. מען האָט אויך נישט געקאָנט פאָראויס וויסען, ווי גרויס עס וועט זיין די צאָהל פון די יודישע פריוויליגע און דאָ וועלען אויך די שונאי ישראל בעקומען נייעם שטאָף אויף צורייצען דעם פוילישען המון געגען יודען. וועט די דאָזיגע צאָהל זיין קליין, וועט מען טענה'ן, אַז יודען ווילען נישט שיצען דאָס פאָטערלאַנד; וועט די צאָהל זיין גרויס, וועט מען זאָגען, אַז יודען ווילען פערכאַפּען דעם נצחון, כדי צו קאָמפּראָמיטירען פוילען פאַר אייראָפּא, דערוויזענדיג, אַז אָהן יודען קאָן זיך דאָס פוילישע פאָלק נישט העלפען.

פון דער צווייטער זייט איז אויך געווען אַ סכנה צו אויפקלערען דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט דעם גאַנצען אמת. זי האָט דאָך געקאָנט אַזאַ ערקלערונג בעטראַכטען אַלס אַנ'אָבזאָג מצד די פאָרשטעהער פון יודען צו העלפען פוילען אין איהר נויט.

די צוויי איבערגעבליבענע מיטגלידער פונ'ם דאָזאָר האָבען אַלזאָ נישט געוואוסט וואָס זיי האָבען צו טהון און זיי האָבען צונויפגערופען אויף אַ בעראַטונג די חשוב'סטע בעלי־בתים, וואָס זענען געבליבען אין וואַרשא.

נאָך אַ ישוב הדעת איז מיט רוב דעות בעשלאָסען געוואָרען, צו ערקלערען דער מאַכט דעם אמת, אַז קיינער האָט נישט בעפאָלמעכטיגט יוסף בערקאָוויטש, הערגיש און האָראָוויץ, צו גרינדען אַ בעזונדער יודישען פולק פון פריוויליגע. זיי האָבען נאָר געגרינדעט אַ קאָמיטעט, צו אַגיטירען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג און זאַמלען געלד, אויף בעקליידען די יודען, וואָס

ווילען אַריינטרעטען אַלס פּריוויליגע אין דער פּוילישער אַרמעע. און מכּח דער פראַגע: וואָס איז זייער מיינונג וועגען גרינדען אַ ספּעציעל יודישע אַרמעע, האָבען די פערזאַמעלטע חשובֿ'ע בעלי־בתּים אָבגעגעבען אַן אויספיהרליכע ערקלערונג, אַז זיי בעטראַכטען די זאַך פאַר אונפּאַסיג און אונמעגליך, צוליב פיל וויכטיגע סבּות. דאַגעגען זענען זיי גרייט, צו אַרויסגעבען אַן אויפרוף צו אַלע יודען, אַז זיי זאָלען אַריינטרעטען אַלס פריי־וויליגע אין דער פּוילישער אַרמעע, און די יודישע קהלה וועט געבען געלד אויף זייער אויסשטאַטונג. *)

אויף דער ערקלערונג איז דער ערשטער אונטערגעשריבען ר' חיים דאַווידזאָהן, אַלס דער אָנגעזעהענסטער צווישען די וואַרשאווער טובי העיר.

דער פּלאַן, צו גרינדען אַ בעזונדער יודישען פּולק, איז טאַקי דורכגעפאַלען, הגם יוסף בערקאָוויטש האָט אַרויסגעגעבען אַ פייערליכען אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג, צו אַריינ־טרעטען מאַסענווייז אין דעם דאָזיגען פּולק. בערקאָוויטשען האָט געפעהלט די פעהיגקייטען פון אַ גוטען אָרגאַניזאַטאָר און די ענערגיע, צו אויספיהרען זיין פּלאַן ביז'ן סוף.

דער פּולק, וואָס ער האָט געשאַפען מיט גרויס רעש און פיל רעקלאַמעס, איז צושטערט, צושיט געוואָרען באַלד אין אָנ־הויב, האָטש ער איז שוין געווען פערזעהען אַפילו מיט אַן'איי־גענעם טייערען שטאַנדאַרד, קינסטלעריש אויסגענייט מיט זילבער־נע פאָדעם און פאָרגעשטעלט אַ פּוילישען אָדלער מיט אַ שם הוי"ה אין דער מיטען. **) דער יודישער פּולק פון בערקאָווישען האָט

*) זעה צווייטע ביילאגע.

**) נאך דער אונטערדריקונג פונעם אויפשטאנד פון יאהר 1831 האט מען דעם שטאנדארד בעהאלטען, ער זאל נישט אריינפאלען אין די הענד פון רוסישע מיליטער, און מ'האט איהם פערטרויליך איבערגעגעבען ר' חיים דאווידזאהן, וועל־כער האט איהם אבגעהיט ווי אַן אויג אין קאפ. אויך זיינע קינדער און קינדסקינ־דער האבען דעם שטאנדארד אבגעהיט. יעצט געפינט ער זיך אין בעזיץ פון ד"ר נתן דאווידזאהן, דאָס בילד ברענגען מיר אין יעצטיגען ווערק.

אַפילו נישט זוכה געווען, צו זיין איינמאָל אין פייער. דאַגעגען אָבער זענען פיל יודען אַריינגעטראָטען אַלס פרייוויליגע אין דער פוילישער אַרמעע; עס איז אויך געשאַפען געוואָרען אַ בעזונדערע אָבטיילונג פון אַ יודישער מיליציע אין וואַרשא, מיט לערך 800 מיליציאַנטען, און די יודישע קהלה פון וואַרשא, מיט דער הילף פון די יודען אין דער פראָווינץ, האָבען געזאַמעלט גרויסע סומען אויף זייער אויסשטאַטונג. דאַרין האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט ר׳ חיים דאַווידזאָהן, וועלכער איז מיט זיין אָפּ-גער האַנד געווען אַ מוסטער פאַר די אַנדערע רייכערע יודען.

ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט זיך פיל משתדל געווען, אַז מען זאָל נישט צווינגען די יודישע פרייוויליגע, צו ראַזירען זייערע בערד, וועלכעס איז געגען דעם יודישען דת און קאָן פיל פרומע יודען אָבהאַלטען פון אַריינטרעטען אין דער פוילישער אַרמעע. די השתדלות איז געלונגען און די יודישע פרייוויליגע איז ער-לויבט געוואָרען, צו טראָגען זייערע בערד.

ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט אויך דערלעבט די צופרידענקייט, אַז דער העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט האָט אַרויסגעגעבען אַ בע-פעהל, דאָס אַלע יודען וואָס טרעטען-אַריין אין דער פוילישער אַרמעע, זאָלען בעקומען אַלע בירגערליכע רעכט, ווען זיי וועלען זיך אויסצייכענען מיט עפּעס אַ העלדישקייט אין דער דיענסט, אָדער זיי וועלען דיענען גאַנצע 10 יאָהר. ליידער האָט דער אויפשטאַנד פון יאָהר 1831 נישט ערפילט די אויף איהם אַרויפ-געלעגטע האָפנונגען, און אויך די האָפנונג פון די יודישע פריי-וויליגע איז נישט ערפילט געוואָרען. זיי האָבען פיל געליטען, אָבער אָהן רעכט זענען זיי אויך אויף ווייטער פערבליבען, ווי דער גאַנצער כלל יודען אין פוילען.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געשריבען, איז ר׳ חיים דאַ-ווידזאָהן, נישט קוקענדיג אויף זיין גרויס לומדות און פרומקייט, דאָך נישט געווען קיין פאַנאַטיקער און האָט נישט פערהאַסט די

בילדונג, וועלכע איז דאַמאָלס געקומען פון בערלין, פון ר׳ משה מענדעלסאָן מיט זיינע תלמידים. ער האָט אַליין דערלערנט די פוילישע שפּראַך *). לעזענדיג די וויסענשאַפטליכע, פילאָזאָפישע און חקירה-ספרים פון די יודישע גדולים אין מיטעלאַלטער, האָט ער געזעהען, אַז מען קאָן זיין שטאַרק געבילדעט און דאָך בליי־בען פרום. און דאַרום, ווען עס איז געבוירען געוואָרען דער פּלאַן, צו גרינדען אין וואַרשא אַ ראַבינער-שולע, וועלכע זאָל ערציהען און אַרויסגעבען רבנים מיט וועלטליכע בילדונג, איז ר׳ חיים נישט געווען געגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט ווי די חסידים און פאַנאַטיקער. בפרט, אַז אין דעם סטאַטוט פון דער געפּלאַנ־טער ראַבינער-שולע האָבען זיך געפונען איינינע פונקטען, וועלכע האָבען בעדאַרפט פערזיכערען, דאָס די שולע וועט זיך פיהרען „על טהרת הקודש״. אַזוי, למשל, זאָגט איין פונקט, אַז ביי דער שולע זאָל זיך געפינען אַ בית המדרש, וואו די תלמידים זאָלען דריי מאָל אין טאָג דאַווענען. אויך זאָל זיך דאַנעבען געפינען אַ מרחץ מיט אַ מקוה. דער וואַרשאַווער רב, אָדער זיין פערטרע־טער, האָט דאָס רעכט, קומען צו יעדער צייט אין דער ראַבינער־שולע אַכטונג געבען און זיך איבערצייגען, צי אַלץ ווערט גע־פיהרט לויטן דת, און צי די תלמידים ווערען דערצויגען רעליגיעז.

דער פּראָגראַם פון יודישע למודים אין דער ראַבינער־שולע אין אַלע זעקס קלאַסען איז געווען אַ גענוג גרויסער, און היות אַלס דירעקטאָר איז בעשטימט געוואָרען דער גרויסער גע־לעהרטער און מאַטעמאַטיקער ר׳ אברהם יעקב שטערן, וואָס

*) ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט געגעבען אַ הסכמה צו דעם ערשטען סדור „תפילות ישראל״ וואָס איז אַרויס מיט אַ פוילישער איבערזעצונג פון ה׳ הענריך (צבי) ליבקינד (וואַרשא 1846). אין דער הסכמה לויבט ער די איבערזעצונג און ווייזט אָן אויף איהר נוצליכקייט, ווייל „דורך איהר וועט דער מתפלל פערשטעהן די בעדייטונג און כוונה פון די תפלות וואָס ער זאָגט אויף לשון קודש״. ער בעט אויך, אַז קיינער זאָל דעם איבערזעצער נישט מסיג-גבול זיין.

ביי זיינע פילע קענטנישען (ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פוילישער וויסענשאַפטליכער געזעלשאַפט און שטאַרק אָנגעזעהען ביי די גרעסטע פוילישע געלעהרטע) איז ער געווען פרום אויפן העכסטען אופן און אָבגעהיט אַלע יודישע דינים און מנהגים; אַזוי אַז ער האָט אַפילו קומענדיג אין דער אַקאַדעמיע נישט אויסגעטהון זיין קאַפּעל, איז אַלזאָ ר׳ חיים דאַווידזאָהן געווען זיכער, אַז די ראַבינער-שולע וועט טאַקי אַרויסגעבען פרומע רבנים, גרויסע למדנים און דערצו אויך געבילדעט, וועלכע וועלען בעזיצען גרינדליך אייניגע אייראָפּעישע שפּראַכען און אַלגעמיינע בילדונג, און אַזעלכע רבנים וועלען נאָר זיין אַ כבוד פאַר דעם פוילישען יודענטום.

די ראַבינער-שולע האָט זיך טאַקי געעפענט אין יאָהר 1826, שטערן איז בעשטימט געוואָרען אַלס דירעקטאָר; אַלס זיין געהילף און לעהרער פון תלמוד איז בעשטימט געוואָרען דער געוועזענער דיין ר׳ מאיר האָראָוויץ — אויך אַ גרויסער ירא שמים. ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט דאַרום נישט געזעהן קיין שום גרונד צו פאַראייניגען זיך מיט די פאַנאַטיקער, וועלכע האָבען געקוקט מיט שנאה אויף דער נייער שולע, דערפאַר וואָס זי וויל פערשפּרייטען אויך „השכלה" צווישען יודען. אמת טאַקי, איינער פון די וואָס האָבען זיך בעמיהט, צו בעקומען ביי דער רעגירונג די ערלויבניש אויף דער ראַבינער-שולע, איז געווען אַנטאָני אייזענבוים, צו וועלכען אויך ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָט זיך בעצויגען מיט אונצוטרויען, ווייל מען האָט אויף איהם שטאַרק גערעדט, אַז ער פיהרט נישט קיין יודיש הויז און איז אַ פריידענקער, און דער דאָזיגער אייזענבוים האָט אין דער ראַבינער-שולע בעקומען די שטעלע פון אַ „ווירט", וועלכער האָט די אויפגאַבע, צו פערזאָרגען די בעל-הבתישקייט פון דער שולע, די אויסהאַלטונג פון די תלמידים וכדומה. אָבער דער צוטרויען צו ר׳ אברהם יעקב שטערן און צו ר׳ מאיר האָראָוויץ איז געווען

ביי ר׳ חיים׳ן אַזוי גרויס, אַז ער האָט אָנגעפאַנגען בעגריסט מיט אַ ברכה די עפענונג פון דער ראַבינער-שולע.

וועלענדיג, אַז אויך זיינע קינדער און אייניקלעך זאָלען האָבען אַ נוצען פון דער ראַבינער-שולע, פלעגט ר׳ חיים זיי שי־קען אַהין צו עקזאַמינירען זיך אין די למודים, וואָס זיי פלעגען לערנען אין דער היים ביי פריוואַטע מלמדים און לעהרער. באַלד אָבער האָט ר׳ חיים געענדערט זיין בעציהונג צו דער ראַבינער־שולע, צוליעב פאָלגענדע סבות:

באַלד ווי די שולע האָט זיך געעפענט, האָט אייזענבוים אָנגעהויבען פיהרען אינטריגעס געגען דעם דירעקטאָר שטערן, און גאָר אינגיכען האָט שטערן דאַדורך פערלאָזט זיין שטעלע, און צוליעב דעם האָט די שולע פיל פערלאָרען פון איהר אויטאָ־ריטעט. אויסער דעם זענען אַלס העברעאישע לעהרער צוגענומען געוואָרען מענשען, וואָס זענען בעוואוסט געווען אַלס פריידענ־קער, אַפיקורסים, און זאָגאַר אַזעלכע, וואָס בשעת די לעקציעס ערלויבען זיי זיך, צו אָפשפּאָטען פאַר די יונגע תלמידים פון יודישע דינים און מנהגים. איין העברעאישער לעהרער, בוכנער, האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט זיינע פריידענקערישע אַרויסטרעטונגען בשעת די לעקציעס (דער זעלבער בוכנער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבען אַ ספעציעלען שענדליכען פאמפלעט געגען תלמוד, מיט׳ן נאָמען „דער תלמוד און זיין נישטיגקייט״). די שלעכטע השפעה פון אייזענבוים מיט זיינע חברים-לעהרער אויף דער ראַבינער-שולע איז געוואָרען אַלץ גרעסער, ווייל באמת איז נאָך שטערנ׳ס דימיסיע דער פאַקטישער דירעקטאָר פון דער שולע געווען אייזענבוים, הגם נאָמינעל האָט דעם נאָמען די־רעקטאָר געטראָגען האָראָוויץ. אויף דער אויפפיהרונג פון אייזענ־בוים האָבען אָנגעהויבען אָנקומען אָנקלאַגעס זאָגאַר פון אַ טייל תלמידים גופא. אַזוי האָבען פיל מאָל מאַנכע תלמידים זיך גע־ווענדעט צום דאַמאָלסדיגען וואַרשאווער רב, ר׳ שלמה זלמן ליפ־

**דער שטאנדאר פון יודישען פולק.**
(געפינט זיך ביי ד"ר נח דאווידזאהן.)

שיך, מיט אָנקלאַגעס, אַז ביי איזענבוים אין הויז איז מען מחלל שבת, עסט טרפות אד"ג, און זיי זענען נישט זיכער, צי מען גיט נישט אויך פאַר זיי קיין טרפה עסענס. ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ האָט דאָס אַלעס איבערגעשיקט צו דער מאַכט, וועלכע אָבער האָט דאַרויף גאָר נישט רעאַגירט, ווייל זי האָט דאָך טאַקי גאָר געוואָלט, אַז פון דער ראַבינער-שולע זאָלן אַרויס פריידענקער, בעקעמפער פונ׳ם „פאַנאַטיזם״. אויך איז אייזענבוים געווען אַ גרויסער חשוב ביי דער מאַכט, וועלכע האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גרויסען קעמפער געגען דער „פינסטערניש״ ביי יודען, אַזוי, אַז שפּעטער האָט זי איהם טאַקי אָפיציעל בעשטימט אַלס דירעקטאָר פון דער ראַבינער-שולע.

מיט דער צייט, אַלזאָ, האָבען שוין אַלע איינגעזעהן, אַז זיי האָבען גאָר נישט צו האָפען קיין גוטס פון דער דאָזיגער ראַבינער-שולע. דער וואַרשאַווער רב ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ איז געוואָרען איהר אָפענער געגנער און זי בעטראַכט אַלס אַ אינסטי-טוט וואָס פערשפּרייט נאָר כפירה, אפיקורסות, אויך ר׳ חיים דאַווידזאָהן, וועלכער פלעגט אָפט קומען אין דער ראַבינער-שולע, אַלס פערטרעטער פון וואַרשאַווער רב, האָט מיט זיין שאַרפען אויג און געזונטען חוש זיך באַלד איבערצייגט, אַז נישט אויף אַזאַ אינסטיטוציע האָט ער געהאָפט, און אַז די דאָזיגע שולע וועט נישט ערפילען זיין הייסען ווונש, צו זעהען אין פוילען גרויסע, פרומע און צוגלייך געבילדעטע רבנים. ער האָט איינגע-זעהען, אַז די יונגע תלמידים ווערען סיסטעמאַטיש פערגיפטעט דורך די העברעאישע אַפּיקורסישע לעהרער און דורך דעם „ווירט״, וואָס איז אייגענטליך געווען דער גאַנצער אָנפיהרער פון דער שולע, אַנטאָני אייזענבוים. זייענדיג אַ שטילער מענש, וואָס ענטלויפט פון יעדע מחלוקת, איז ער, אמת, נישט אַרויסגעטראָ-טען פאָען און זיך נישט אונטערגעשריבען אויף די קלאַגעס, וואָס די פרומע יודען האָבען געגען דער ראַבינער-שולע געשיקט צו

דער מאַכט, אָבער אין פּריוואַטע געשפּרעכען האָט ער נישט פער-באָרגען זיין פערדרוס, וואָס ער האָט זיך אַזוי ביטער אָבגענאַרט אין זיינע האָפנונגען.

דער סוף האָט טאַקי בעוויזען, ווי גערעכט ר׳ חיים דאַ-ווידזאָהן איז געווען, ענדערנדיג זיין בעציהונג צו דער דאָזיגער שולע. די וואַרשאווער ראַבינער-שולע, וועלכע האָט עקזיסטירט גאַנצע 37 יאָהר, האָט אין דער גאַנצער צייט נישט אַרויסגעגע-בען קיין איינציגען רב, דאַגעגען האָט זי אַרויסגעגעבען פיל משומדים, פון וועלכע מאַנכע האָבען אָנגעטהון יודען גרויסע צרות.

מיט זיין גרויסער לומדות, עשירות און מדות טובות, האָט ר׳ חיים דאַווידזאָהן דערגרייכט צו דער גרעסטער פּאָפּולאַריטעט צווישען יודען, נישט בלויז אין וואַרשא, נאָר אין גאַנצען לאַנד. נישט זייענדיג קיין רב, איז ער דאָך געשטאַנען אין פערבינדונג מיט די גרעסטע רבנים פון זיין צייט, און זיי האָבען מיט איהם קאָרעספּאָנדירט וועגען אַלערליי הארבע שאלות און לומדות. אין וואַרשא איז ר׳ חיים געווען דער אָנגעזעהענסטער גביר און אוי-טאָריטעט, און האָט פערנומען דעם צווייטען פּלאַץ נעבען דעם דאַמאָלסדיגען רב, דער בעוואוסטער גאון ר׳ שלמה זלמן ליפּשיץ („חמדת שלמה״), וועלכער פלעגט זעלבסט זאָגען: „אָהן ר׳ חיים׳ן קאָן איך קיין זאַך נישט פעררי‌כטען״. הגם ער האָט נישט גע-וואָלט, צוליעב זיין ענטלויפען פון כבוד, זיין צווישען די פּרנסים פון דער קהלה, איז דאָך קיין וויכטיגע זאַך אין דער געמיינדע נישט געטהון געוואָרען אָהן זיין וויסען און הסכמה.

אַזוי, למשל, איז ער דער ערשטער אונטערגעשריבען אויף אַ ווענדונג צו דער מוניציפּאַל-פערוואַלטונג פון וואַרשא, דעם 20-טען מערץ 1823, אַז מען זאָל אין משך פון פסח בעפרייען די יודישע איינוואוינער, צו איינקוואַרטירען ביי זיך סאָלדאַטען, ווייל דאַדורך קאָנען די יודען נישט אָבהיטען זיך פון חמץ, וואָס

די סאָלדאַטען עסען אין זייערע הייזער, אויך איז דאָס נישט אָנגענעהם פאַר די סאָלדאַטען גופא, ווייל דאַן קאָנען זיי נישט האָבען קיין שום הילף פון דער יודישער דיענסט, צו קאָכען פאַר זיי עסען א. אַז. וו. *)

צוויי יאָהר שפּעטער (י׳ חשוון תקפ"ה) ווענדעט ער זיך, בראש פון נאָך איינציגע אָנגעזעהענסטע בעלי בתים, מיט אַ בקשה צום „דאָזאָר בוזשניטשי״, מען זאָל בעשטימען אַלס איינעם פון וואַרשאווער דיינים ר׳ זאב וואָלף מיכעלזאָהן פון זאַלאָשין. זיין בקשה ווערט באַלד ערפילט. **)

די מחברים, וואָס פלעגען קומען קיין וואַרשא, צו דרוקען זייערע ווערק אָדער זאַמלען אויף זיי פּרענומעראַנטען, האָבען גערעכענט אַלס דעם גרעסטען כבוד פאַר זיך, אַז ר׳ חיים דאַ־ווידזאָהן זאָל זיי אויפנעהמען און געבען זיין הסכמה אויף זיי־ערע ספרים.

יאָהרענלאַנג איז ביי ר׳ חיים דאַווידזאָהן געווען „תורה וגדולה במקום אחד״. כמעט גאַנצע 50 יאָהר האָט איהם געשפּילט די הצלחה אין אַלע געשעפטען, וואָס ער (בעזונדערס זיין קלוגע פרוי רחל׳ע) האָט געפיהרט. זיין הויז איז געווען אַ בית ועד, אַ זאַמעלפּונקט פאַר דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס די וואַרשא־ווער יודישע קהלה האָט פאַרמאָגט. אויך די גרעסטע נדבות זע־נען פון ר׳ חיים׳ס הויז געגאַנגען.

אין די 30־ער יאָהרען האָט זיך ר׳ חיים׳ס מאַטעריעלע לאַגע פערערגערט. עס איז דאַן, צוליעב דעם אויפשטאַנד און די אונרוהען אין לאַנד, בכלל ענטשטאַנען אַ גרויסער קריזיס אין האַנדעל. פיל יודישע גבירים זענען פאַראָרעמט געוואָרען, און אויך ר׳ חיים האָט שטאַרק געליטען אין׳ם אַלגעמיינעם קריזיס. אָבער דאָס האָט כלל נישט געווירקט, צו פערקלענערן זיין

*) ארחיוו פון דער יוד. גמינע, „רעליגיעזע פראגען״, באנד I.

**) דאָרט.

גרויס אַנזעהען און אַכטונג. ער בלייבט אַלץ די גרעסטע פּער-זענליכקייט צווישען די פּוילישע יודען. ווען אין יאָהר 1839 (11 טאָג אין ניסן תקצ"ט) איז נפטר געוואָרען דער וואַרשאווער אב-בית-דין ר' שלמה זלמן ליפשיץ, האָבען זיך פערזאַמעלט דער דאָזאָר און די שענסטע בעלי-בתים און בעשלאָסען, אַז די גאַנצע קהלה זאָל טרויערען („נוהג אבילות") אַ גאַנצען חודש, און די פרויען זאָלען אום פסח נישט טראָגען קיין ציערונג, צום צייכען פון טרויער. אויף דעם בעשלוס איז דער ערשטער אונטערגעשרי-בען ר' חיים דאַווידזאָהן (צווישען די איבריגע אָנגעזעהענע לייט, וואָס זענען געחתמט אויפן אויפרוף, געפינט זיך אויך ר' חיים'ס זוהן, ר' נפתלי דאַווידזאָהן, וועגען וועלכען מיר וועלען שפּעטער שרייבען. *)

## ר' חיים — אויבער-רב פון וואַרשא.

ר' חיים דאַווידזאָהן האָט זיך ביז דער טיעפּסטער עלטער אויסגעצייכענט מיט דער פרישקייט פון זיין גייסט, מיט זיין זעלטענעם זכרון און שאַרפקייט פון אַלע זיינע חושים. ווען ער איז געוועהלט געוואָרען אַלס רב פון וואַרשא, איז ער שוין גע-ווען אַלט אַכציג יאָהר, און עס איז גאָר נישטאָ דער צווייטער

*) צווישען די האַלב-פערפוילטע כתבים אין גמינע-ארכיוו (ליידער ווערען די דאָזיגע וויכטיגע שריפטען פאַר דער געשיכטע פון אידען אין פוילען נישט גע-העריג אבגעהיט, און זיי פוילען אין די קעלער פון דער גמינע-געביידע), געפינט זיך וועגען דעם פאָלגענדער, טיילוויז פערפוילטער דאָקומענט:

בהתאספו אלופי' המשגיחים בצירוף בעלי בתים הגבוה... תקצ"ט לפ"ק עלה בהסכם כולם פה אחד שמהראוי להתאבל על פטירת אדונינו... הרב הגאון האמתי הצדיק מפורסי, אב"ד דפה אשר גוע בעונינו ביום גימל... ראש... לזאת גמרנו אומר שמהיום במשך ארבעה שבועות אל ישיתו הנשים דפה עדים עליהן וכלי תכשיט כלל וחלילה להורות להם היתר מחמת שמחת י"ט, כי גדול כבוד התורה ובפרט לת"ח וגאון כמוהו זצ"ל מותר האבל אף בי"ט בכל מה דאפשר. באעה"ח... אדהומ"פ צ"ט לפ"ק.

נאום... הק' חיים דאַווידזאָהן.

פאַל אין דער געשיכטע, אַז אַ מענש פון אַכציג יאָהר זאָל געוועהלט ווערען צו אַזאַ הויכע און צוגלייך שווערע און פעראַנטוואָרטליכע שטעלע, צו זיין דער אָנפיהרער פון אַ גרויסע קהלה, האָבען אונטער זיך 13 דיינים מורי הוראה, בעזאָרגען אַלע גייסטיגע און רעליגיעזע בעדערפענישען פון דער וויכטיגער געמיינדע, זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר איהר געגען דער צאַרישער מאַכט, וועלכע איז דאַמאָלס געווען בעזונדערס שטרענג צו פוילען און צו יודען, נאָך דעם גרויסען אויפשטאַנד אין יאָהר 1831, און דערצו פיהרען אַ פערצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע רבנים אין יענער צייט, שרייבען תשובות אויף די פיל שאלות אד"ג. אַלע האָבען טאַקי געקוקט מיט דער גרעסטער אַכטונג אויף דעם דאָזיגען זעלטענעם רב, און זיך בעצויגען צו איהם מיט דער גרעסטער יראת הכבוד. סיי די „משכילים" און פריידענקער פון איין זייט, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען שטרעבען צו בעקומען אַ השפעה אויף דער קהלה, סיי חסידים פון דער צווייטער זייט, וואָס זייער השפעה איז אויך דאַמאָלס געוואָרען אַלץ גרעסער, הן אין וואַרשא, הן אין פוילען בכלל, האָבען געמוזט בייגען דעם קאָפּ פאַר דעם גרויסען זקן, כאָטש ער איז געווען ביידענס אַ געגנער...

ווען עס איז אַריבער דער ערשטער טרויער-חודש נאָך דער פטירה פון הגאון ר' שלמה זלמן ליפשיץ, האָבען זיך פערזאַמעלט די דאָזאָרעס און די שענסטע בעלי-בתים און גבירים פון וואַרשא, און בעשלאָסען, צו וועהלען אַ קאָמיטעט פון 30 וויכטיגסטע מענשען, וועלכע זאָלען וועהלען אַ נייעם רב. דער דאָזאָר האָט וועגען דעם אַרויסגעגעבען אַ ספּעציעלען אויפרוף *). שפּעטער איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער קאָמיטעט זאָל בעשטעהן נאָר פון 15 מיטגליעדער. די וואַהלען פונ'ם דאָזיגען קאָמיטעט האָבען געדויערט איינינע וואָכען. יעדען טאָג זענען אַרויסגערופען גע-

*) זעה דריטע ביילאגע.

וואָרען בעלי־בתים פון אַנ׳אַנדער צירקול. (די גרעסטע צאָהל וויעהלער האָט בעקומען ר׳ חיים דאַווידזאָהן).

די דאָזיגע קאָמיסיע האָט זיך צונויפגעזאַמעלט, צו וועהלען אַ רב. ר׳ חיים האָט אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון ר׳ דוד ביחאָווסקי (לוריא). די איבריגע מיטגלידער האָבען אָבער געוואוסט דעם ווילען פון דער גאַנצער קהלה, אַז דער איינציגער פּאַסיגער קאַנדידאַט איז ר׳ חיים זעלבסט. זיי האָבען אַלזאָ מיט אַנ׳אויסרייד געבעטען ר׳ חיים׳ן, ער זאָל אַרויסגעהן אין אַ צווייטען צימער, און דאַן האָבען זיי איינשטימיג איהם געוועהלט אַלס רב. דערנאָך איהם צוריק אַריינגעבעטען און בעגעגענט מיט׳ן אויסרוף „מזל טוב, רבי!". אַ ערשטוינטער האָט דער עניו ר׳ חיים געקוקט אויף זיי. זיי האָבען איהם ערקלערט, אַז בהסכם כולם איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס אויבער־רב, ווייל קיין בעסערען און פּאַסיגערען רב האָבען זיי נישט. ר׳ חיים האָט אָנפאַנגס נישט געוואָלט מסכים זיין און געזאָגט, אַז ער פיהלט זיך נישט ראוי צו דעם דאָזיגען גרויסען כבוד, אָבער דער קאָמיטעט האָט נישט אָבגעלאָזט און מיט פיל הפצרות געווירקט, אַז ר׳ חיים איז מרוצה געוואָרען. אגב איז, ווי מיר האָבען שוין פריהער געשריבען, זיין מאַטעריעלער מצב געוועזען דאַמאָלס נישט זעהר גוט, און די הויכע בכבודע שטעלע האָט דאָך אַראָבגענומען פון איהם די דאגת פרנסה אויף דער עלטער.

נאָך דער בכבוד׳ער וואַהל האָט ר׳ חיים ליקווידירט זיינע געשעפטען, זיך אַרויסגעצויגען פון זיין וואוינונג אויפ׳ן שילעץ (נעבען דער יעראָזאָלגימער אַלעע) און זיך אַריבערגעצויגען אין דער גרויסער דירה, וואָס איז געווען בעשטימט פאַר׳ן וואַרשאַווער רב, אין הויז נומער 2256 (היינט: נאַלעווקי 32), וואו ער האָט איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ בית־המדרש צום דאַווענען און לערנען. ר׳ חיים האָט צוגענומען אַ ספּעציעלען שרייבער אויף פּויליש, ווייל די קאָרעספּאָנדענץ צווישען איהם און דעם „דאָזאָר

בוזשניצי", ווי אויך מיט דער שטאָדט-פערוואַלטונג, מיט דעם „גענעראַל-אָבערפּאָליצמייסטער" און בכלל מיט דער העכערער מאַכט, איז דאַן פּאָרגעקומען נאָר אין פּויליש. און די ענינים, וועגען וועלכע ער האָט קאָרעספּאָנדירט, זענען געווען זעהר פיל און האָבען אַרומגענומען דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען פון דער קהלה.

אין די שריפטען, וואָס זענען פערבליבען אין די אַרכיוועו, געפינען מיר וועגען פון ר' חיים'ן צום דאָזאָר וועגען בעשטימען דיינים אין די צירקולען, אָדער בעשטימען פענסיעס פאַר אַ פּאָר „דוכאָוונע", וועלכע האָבען פריהער ערפילט זייער אַמט אָהן געצאָהלט; וועגען איבערגעבען איהם די אויסצאָהלונג פון דער פענסיע פאַר די מלמדים פון די תלמוד תורה'ס, וואָס שטעהען אונטער זיין השגחה אד"ג. אין איין שריפט צום דאָזאָר בעט ער, אַז די אָרעמע לייט, ביי וועלכע עס איז עמיצער געשטאָרבען און זיי האָבען נישט אויף קבורה, זאָל מען בעפרייען פון ברענגען אַנ'אָרעמקייטס-צייגניש פונ'ם צירקול-קאָמיסאַר, ווייל דער אָרעמאַן פערלירט דאַדורך פיל צייט און די קבורה פערשפּעטיגט זיך; ר' חיים בעט, אַז עס זאָל זיין גענוג אַנ'אָרעמקייטס-צייגניש פון 2 בעלי-בתים. אויך פאָדערט ער, אַז דער פוהרמאַן, וואָס פיהרט די עגלה מיט אַ מת, זאָל נישט זיצען אויף דער עגלה, ווייל דאָס איז אַ חלול כבוד המת, נאָר ער זאָל געהן ביי דער זייט פון דער עגלה. צוגלייך איז ער מודיע, אַז אַ געוויסער הירשל הענריק, וואָס וואוינט אויף מיאָדאָווא גאַס, האָט נישט געלאָזט מל זיין זיין זוהן, כאָטש עס זענען שוין אַריבער 3 חדשים נאָכ'ן קינדס געבורט. ער בעט אַלזאָ דעם דאָזאָר, צו אָננעהמען די געהעריגע מיטלען געגען דעם האַזיגען מענשען. *)

אין די אַרכיוועו געפינען זיך פיל שריפטען, וועלכע ר' חיים האָט געשיקט צו דער מאַכט וועגען פערשידענע אַנגעַ-

*) אַרכיוו פון דער יודישער גמינע.

לעגנעהייטען. אַזוי קלאָגט ער זיך אַ פּאָר מאָל אויף מענשען, וואָס זענען כּהנים, וועמען לויט דער יודישער דעליגיע איז פער־באָטען צו נעהמען אַ גרושה, און זיי האָבען דאָך גענומען גרושה׳ס און לעבען מיט זיי, כאָטש ער, ר׳ חיים, האָט זיי שוין איניגע מאָל אויפגעפאָדערט, אַז זיי זאָלען די דאָזיגע ווייבער גט׳ן. אין איין דאָקומענט גיט ער אַנ׳אויספיהרליכע ערקלערונג, וואָס איז אַ זעל־כעס די „חליצה״, און פאַרוואָס מוז מען צווינגען צו געבען חליצה. אין אַנ׳אַנדער שריפט ערקלערט ער דעם ענין פון „עגונה״.

אין איין שריפט ווענדעט זיך צו ר׳ חיים׳ן דאָס גובערניאַ־לע געריכט מיט פאָלגענדער אָנפראַגע: אין שטאָדט גלאָוונאַ האָט איי־נער, יחזקאל בליעבלום, פרייטאָג צו נאַכטס אין שול אויסגעגאָסען אויף דר׳ערד דעם וויין, וואָס איז בעשטימט אויף קידוש. דער גבאי האָט איהם אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר פערשוועכען אַ היי־ליגקייט, און דער ריכטער האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט אַ שטראָף. דער בעשטראָפטער האָט אַפּעלירט צום העכערען געריכט און פאָר־געשטעלט די מיינונגען פונ׳ם רב מיט די דיינים אין גלאָוונע, און פונ׳ם רב מיט׳ן דאָזאָר אין לאָוויטש, אַז דאָס מאַכען קידוש אין שול איז גאָרנישט קיין רעליגיעזער חוב, קיין דין, און דאַ־רום קאָן מען איהם נישט בעשטראָפען אַלס מחלל הקודש. דאָס הויכע געריכט ווענדעט זיך דאַרום צו ר׳ חיים דאַווידזאָהן, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל אַרויסזאָגען זיין אויטאָריטעטע מיינונג וועגען דעם.

דאַרויף האָט ר׳ חיים געענטפערט, אַז „קידוש״ איז נישט קיין טייל פון דער תפלה, ווייל ער ווערט געמאַכט שוין נאָכ׳ן דאַוונען, און דאָס אויסגיסען דעם וויין הייסט נישט „שטערען ד תפלה״. בכלל איז דער קידוש אין שול נאָר אַ מנהג און נישט קיין דין, דען דערנאָך מאַכט יעדער יוד קידוש ביי זיך אין דער היים, און נישט דוקא אויף וויין; די אָרעמע מאַכען

**די מצבה פון ווארשאווער רב הגה״צ ר׳ חיים דאווידזאהן**
(אויף דעם עלטסטען טייל פון ווארשאווער בית עלמין).

גאָר אויף חלות. ר׳ חיים ברענגט דאַן די מיינונג פון הגאון ר׳ יעקב בנימין כ״ץ, אין זיין ספר „שב יעקב״, אַז מען טאָר גאָר־נישט מאַכען קידוש אין שול. „אויך איך זעלבסט — זאָגט ווייטער ר׳ חיים — אין דער שול, וואָס איך האָב איינגעפיהרט ביי מיין וואוינונג, האָב אָבגעשאַפט דעם מנהג פון קידוש. דאַרום איז מיין מיינונג, אַז דעם דערמאָנטען יחזקאל בעדאַרף מען בעפרייען פון שטראָף״.

די השגחה אויף די שוחטים און אויף כשרות איז איבערגעגעבען געוואָרען ר׳ חיים׳ן, און אָהן זיין סמיכה האָט קיין שוחט נישט געטאָרט שעכטען. אין אויגוסט 1843 גיט־אַרויס ר׳ חיים אַ כרוז, אין וועלכען ער איז מודיע, אַז דער מאַגיסטראַט האָט איהם בעפוילען, בעקאנט מאַכען אַלע יודען פון וואַרשאווער קרייז, אַז די סבה פון דער שווערער און אָנשטעקענדער קראַנקהייט „מאָרוּוקאַ״ („Morówka“) — די שוואַרצע קראָסטע) איז, וואָס מען שחט און עסט דאָס פלייש פון אַ קראַנקע פיה, אָדער מען שינדט־אָב די פעל פון אַ קרעפּירטער בהמה, אָדער מען קומט אויף אַנ׳אַנדער אופן אין בעריהרונג מיט אַ קראַנקע פיה. און היות די דערמאָנטע קראַנקהייט איז זעהר געפעהרליך, על כן וואָרענט דער רב אַלע יודען פון וואַרשאווער קרייז, זיי זאָלען נישט לאָזען שעכטען אַ קראַנקע פיה, נישט עסען דאָס פלייש פון דעם, נישט אָבשינדען די פעל אָדער קויפען אַזאַ פעל, ווייל ס׳איז לייכט דערביי אָנגעשטעקט צו ווערען און שטאַרבען פון דער „זאַראַזאַ״.

מיט אַ חודש שפּעטער איז ר׳ חיים מודיע דורך אַ נייעם כרוז, אַז „לויט אַ רעסקריפּט פון זיין עקסעלענץ דעם יענעראַל אָבער־פּאָליצמייסטער איז לעת עתה די זאַראַזאַ נאָך נישטאָ, און דאַרום איז ער מודיע, אַז מען קאָן דאָס כשרה פלייש גאַנץ זיכער עסען, „ווייל היר דאָס פּאָליציייליך מעדיצינישע אַמט זאָ איינגעריכט איזט, דאָס מאַן קיין קראַנקעס פיה נאָך דער היזי־

גען שטאַדט העריין פיהרען, אונד מאן דעסטא וועניגער קיין זאָלכעס שחטן דאַרף״.

ווי ווייט די מאַכט איז איבערגעגעבען געוועזן דעם רב אפילו אין די קלענסטע רעליגיעזע אָנגעלעגענהייטען, בעוויזט אַ כתב, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער גמינע, אין וועלכען ר׳ חיים גיט די ערלויבניש איינעם, משה מרדכי מולטוואָרף, ער זאָל לערנען אַ שיעור מיט די מתפללים פון אַ געוויסער שוהל. *)

אַ מגיד פון אַן׳אַנדער שטאָדט, אַז ער איז געקומען קיין וואַרשא, האָט ער געמוזט געהען פריהער צום רב, זיך פאָרשטע-לען איהם, און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען פון איהם אַ ציינניש, האָבען דער דאָזאָר און די גבאים איהם ערלויבט צו דרשה׳נען אין די שוהלען.

ר׳ חיים האָט מיט בעזונדער פלייס געזאָרגט פאַר דער ערציהונג פון דער יוגענד. זעהענדיג, אַז צוליעב דער געשלאָגע-נער פרנסה פון פיל אַנשטענדיגע בעלי-בתים, זענען זיי נישט אימשטאַנד צו אָבגעבען זייערע קינדער צו מלמדים, נאָר אין דער גרויסער תלמוד תורה, אָבער די דאָזיגע תלמוד תורה האָט אויך נישט געהאַט קיין מיטלען צו עקזיסטירען, ווייל פיל מתנדבים זענען פאַראָרעמט געוואָרען (דאָס זענען נאָך אַלץ גע-וועזן די נאָכוועהענישען פון דעם גרויסען אויפשטאַנד אין יאָהר

---

*) ר׳ חיים שרייבט וועגען דעם בזה הלשון:

„ידעתי את חרבני המופלג מו״ה משה מרדכי מולטוואָהף נ״י מפה קהלתינו יע״א, כי זה רבות בשנים, אשר הוא לומד שיעורים עם האנשים בע״ב המתפללים בבהכ״נ שבחצר באנקארט נומר 2188, אשר כעת הגבאי בבהכ״נ הנ״ל הוא ר׳ יוסף נתן טאנצמאן, ולאשר נודע כי ר׳ משה מרדכי הנ״ל מקובל ומרוצה לפני הבעלי-בתים הנ״ל ללמוד ממנו חומש ודינים ההכרחיים לידע לכל איש ישראלי, לכן הננו מרשה לו שיחזיק בעבוה״ק הזה ורשות נתונה לו ממני ללמוד עמהם בבהכ״נ הנ״ל כאשר נהג מאז. בעה״ח ביום ר״ח כסלו שנת תרי״ב לפ״ק ווארשא

נאום הק׳ חיים דוד גאהן חופ״ק ווארשא״.

1831, וועלכער האָט אויף גאַנץ לאַנג רואינירט גאַנץ פּוילען), האָט ר׳ חיים אין יאָהר 1840 אַרויסגעגעבען אַ ריהרענדען אויפרוף, מען זאָל שטיצען די דערמאָנטע גרויסע תלמוד תורה, און האָט איינגעפיהרט, יעדער זאָל צאָהלען חודש-געלד צו דעם צוועק. *)

איינע פון די וויכטיגסטע אויפטהועכצען פון ר׳ חיים דאַ-ווידזאָהן, וועלכעס ווייזט, ווי דער דאָזיגער גאון איז נישט געוועזן איינגעשלאָסען אין די ד׳ אמות של הלכה, נאָר געהאַט אַ פּרייטען, ברייטען בליק אויף די בעדערפעניששען פון די יודען און האָט זיי געוואָלט זעהן, נישט אַלס לופט-מענשען, אַלס הענדלער וואָס מוזען לעבען פון לופט-געשעפטען, נאָר אַלס מענשען, וואָס האָבען אַ פעסטען באָדען אונטער זיך, איז געוועזן זיין כרוז צום כלל ישראל אין פּוילען, זיי זאָלען זיך בעשעפטיגען מיט ערד-אַרבייט.

דער דאָזיגער כרוז **) איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך פאָלגענדע סבות:

נאָך אין יאָהר 1823 האָבען די יודען אין פּוילען בעקומען דאָס רעכט צו נעהמען ערד אין אייביגער אַרענדע און זי בע-אַרבייטען, אָבער נישט דורך קריסטליכע אַרבייטער. די דאָזיגע ערלויבניש האָט אָבער געהאַט אַ קליינע ווירקונג און די צאָהל יודען, וואָס האָבען זיך גענומען צו ערד-אַרבייט, איז געוועזן אַ נישטיגע. אין יאָהר 1841 האָט די רעגירונג זיך גענומען ערנסט צו זוכען מיטלען, אַז די יודען זאָלען זיך איבערגעבען צו ערד-אַרבייט. זי האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז די יודען, וואָס וועלען זיך בעזעצען אויף ערד און זי אַליין בעאַרבייטען, וועלען בעפרייט ווערען פון רעקרוטען. זי האָט זאָגאַר אָבגעגעבען „קאַ-זיאָנע" ערד צו דעם צוועק. זעהענדיג, אַז נאָך אַלעם איז די

*) זעה פּיערטע ביילאַגע.

**) דעם דאָזיגען היסטאָריש-וויכטיגען כרוז אין העברעאיש און פּויליש בריינגען מיר אין גאַנצען, זעה פינפטע ביילאַגע.

צאָהל יודען, וואָס ווילען זיך איבערגעבען דער ערד-אַרבייט, נאָך אַלץ אַ קליינע, האָט זי געזוכט, צו ווירקען אויף די יודען דורך די רבנים און אָנגעזעהענסטע בעלי-בתים.

דעם 6 (18) דעצעמבער 1841 איז דער דאָזאָר געגאַנגען צום נאַמיעסטניק, בעלעגען איהם גליק-וואונשען צוליב דעם נאָמענס-טאָג פון קייזער ניקאָלאַי דעם 1-טען. דער נאַמיעסטניק האָט זיי איבערגעגעבען דעם וואונש פון קייזער, אַז די יודען זאָלען זיך מעהר בעשעפטיגען מיט ערד-אַרבייט, און זיי פאָרגעלעגט, צו אַגיטירען וועגען דעם. באַלד איז אין דאָזאָר פאָרגעקומען אַ זיצונג וועגען דעם. אויף דער זיצונג איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען דער גרויסער יודישער גוטס-בעזיצער ר׳ שלמה זלמן פּאָזנער, מיט וועלכען דער נאַמיעסטניק האָט שוין פריהער פיל גערעדט וועגען דעם ענין. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער רב צוזאַמען מיט די וויכטיגסטע רביים און אָנגעזעהענסטע בעלי-בתים זאָלען אַרויסגעבען אַנ׳אויפרוף, אויף העברעאיש און פויליש, צו דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג און ערקלערען, אַז נישט נאָר די יודישע רעליגיע פערבאָט נישט צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד-ארבייט, נאָר פערקעהרט, זי האַלט עס פאַר אַ מצוה. דער תלמוד איז פול מיט מאמרים, וועלכע בע-ווייזען, ווי פיל תנאים זענען געווען ערד-אַרבייטער און ווי די דאָזיגע אַרבייט איז געווען געאַכט און געליבט ביי אונזערע קדמונים.

אויפ׳ן אויפרוף האָט זיך דער ערשטער אונטערגעשריבען ר׳ חיים דאַווידזאָהן, און נאָך איהם: דער וואָרקער רבי ר׳ יצחק קאַליש, דער פראַגער רב ר׳ ישעיה מושקאַט, דער גערער רבי ר׳ איטשע מאיר אַלטער, דערנאָך די אַלע דאָזאָרעס, וועלכע האָ-בען דאַמאָלס געטראָגען דעם נאָמען „משגיחים״. דער דאָזיגער אויפרוף האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און הונדערטער יודישע פאַמיליעס האָבען זיך טאַקי בעזעצט אויף דער ערד, וואָס זיי

האָבען בּעקומען אין פאַכט אָדער געשאָנקען פון דער רעגירונג,
אַזוי אַז עטליכע יאָהר נאָכדעם האָט שוין די צאָהל פון די יו-
דישע קאָלאָניסטען דערגרייכט אין די טויזענדער, און ר׳ חיים
דאַווידזאָהן האָט זיך געפרייט, ווען פון צייט צו צייט פלעגען
קומען צו איהם די קאָלאָניסטען פון קוכאַרי און אַנדערע קאָ-
לאָניעס, און ער האָט געזעהען זייערע פערברענטע פנימער, די
געזונטע מוסקולען און דורך אַרבּייט אויף דער פרייער נאַטור
פערהאַרטעוועטע קערפּער, און דערבּיי זענען זיי געטרייע, נישט
פערגרעבטע יודען...

מיט דעם גרעסטען אָנזעהען בּיי אַלע יודען אין פוילען
האָט ר׳ חיים געפיהרט זיין רבנות. זיין הויז איז געווען, נישט
בּלויז דער מיטעלפונקט פונ׳ם גייסטיגען יודישען לעבען, פון
תורה און יודישע וויסענשאַפט, נאָר אויך פון צדקה און מעשים-
טובים. ר׳ חיים׳ס האַנד איז געווען אָפען פאַר אָרעמע לייט און
פאר אַלע וואוילטעטיגע חברות, אַזוי אַז זיין שטענדיגע פענסיע
און די זייטיגע הכנסות האָבען דאַרויף נישט געקלעקט; ער האָט
אינגיכען אויסגעבּרענגט דאָס, וואָס איז איהם געבליבען פון זיין
פריהעריגען רייכטום. ער האָט געמוזט אָנהויבען לעבען בּצמצום,
אָבער זייענדיג פון דער נאַטור אַ בּעשיידענער, אַ מסתפק במועט,
איז ער געווען שטענדיג אַ צופרידענער. און אָבּגעבּענדיג דעם
גרעסטען טייל פון זיינע הכנסות אויף צדקה, האָט ער פאַר זיין
אייגענע הצטרכות זיך בּעגוגענט מיט דעם קליינעם רעשט. ער
האָט נאָר געמוזט דאַדורך זיך ווענדען צום דאָזאָר, איהם אומ-
קעהרען די סומען, וואָס ער האָט אויסגעגעבּען אויף אַלגעמיינע
בּעדערפנישען — אַ זאַך, וואָס אין די ערשטע יאָהרען פון זיין
רבנות פלעגט ער דאַרוף נישט מדקדק זיין. *)

---

*) דעם 5/17 יוני 1853 ווענדעט ער זיך צום דאָזאָר מיט אַ בּקשה, אַז
אויף פעררייכטען דעם עירוב אין משך פון אייניגע וואָכען האָט ער אויסגעגעבּען
282 פוילישע גילדען מיט 21 גראָשען; אויף מאַכען אַ קאַסטען, צו אַריינוואַרפען
דאָרט די שטיקלעך פלייש בּיים טרייבערען, כּדי זיי זאָלען זיך נישט אויסמישען מיט

כמעט 15 יאָהר איז ר׳ חיים געווען רב פון וואַרשא און חגליל. נישט קוקענדיג אויף דער טיפער עלטער איז ער גע־ ווען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען פריש און טעטיג. ערשט אין חודש אדר תרי״ד (1854) האָט ער אָנגעהויבען פיהלען, אַז די כחות פערלאָזען איהם און אַז ער בעדאַרף זיך שוין גרייטען צו זיין לעצטען, ווייטען וועג. דאַן האָט ער גערופען צו זיך זיינע קינדער און אייניקלעך און זיי איבערגעגעבען זיין צואה, אין וועלכער ער בעט זיי, אַז זיי זאָלען זיך אויפפיהרען אין זיי־ נע דרכים, און אַז מען זאָל איהם אויף זיין מטה אָדער ביים קבר נישט מספיד זיין, און אויף זיין מצבה נישט שרייבען קיין שום טיטלען און שבחים. *)

דעם 17־טען אדר תרי״ד איז ר׳ חיים אָהן שמערצען און אָהן קראַנקהייט נפטר געוואָרען, אין עלטער פון 94 יאָהר. די גאַנצע יודישע קהלה האָט געטרויערט נאָך איהם. מען האָט איהם מקבר געווען נעבען קבר פון ערשטען וואַרשאווער רב, דעם „חמדת שלמה״.

אין אַלע שוהלען זענען אָבגעריכט געוואָרען נאָך איהם הספדים. איין הספד, פון דעם מגיד ר׳ בנימין דוד ראַבינאָוויטש, וועלכער איז געווען אַ בן־בית ביי ר׳ חיים׳ן און האָט איהם אויסגעצייכענט געקענט, איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין אַ באַזונ־

---

שרה שטיקלעך פלייש, האָט ער אויסגעגעבען 41 גילדען מיט 10 גראָשען, און אויף ציצית פאַר די אַרעסטאַנטען אין אַרסענאַל האָט ער אויסגעגעבען 5 גילדען; בס״ה 329 גילדען מיט 10 גראָשען, דאַרום בעט ער, דער דאָזאָר זאָל איהם די דאָ־ זיגע סומע אומקעהרען (אַרכיוו פון דער גמינע. באַנד I, רעליגיעזע פראַגען).

*) אַלע זיינע כתבים, חידושי תורה און שאלות ותשובות, וואָס ער האָט געזאמעלט זיין גאַנץ לעבען, האָט ר׳ חיים פאַר דער פטירה פערברענט־ געפינענדיג אין זיין גרויס ענוות, אַז זיי זענען נישט ווערט צו פערעפענטליכט ווערען.

דער ספר מיטן נאָמען „רוח חיים״. *) אויך אין דער פוילישער פרעסע איז געדרוקט געוועזן אַ נעקראָלאָג, וועלכער בעווייזט, ווי געאַכט דער נפטר איז געווען אויך ביי דער קריסטלעכער בעפעלקערונג. **)

---

דער רעגירונגס-סטעמפעל פון ר׳ **חיים דאַווידזאָהן.**
אין מיטען: דער מאָנאָגראַם „CH. D.“
אויף דעם ראַנד:
Rabin Gminy Izraelitów w Warszawie.
(דער סטעמפעל געפינט זיך ביי ד״ר נח דאַווידזאָהן).

---

*) זעה זעקסטע ביילאַגע.
**) זעה זיבעטע ביילאַגע.

## ר׳ נפתלי דאַווידזאָהן.

ביי אַזאַ פאָטער ווי ר׳ חיים דאַווידזאָהן האָבען די קינדער בעקומען אַ זעלטענע ערציהונג; אַלע זיינע זיהן האָבען זייער יוגענד פערברענגט אין לערנען תורה, ש״ס און פוסקים, דערביי אָבער אויך געלערנט יודישע און וועלטליכע קענטנישען, און דער גרויסער טאטע איז זיי געוועזן אַלס מוסטער, צו לערנען פון איהם זיינע שענע מדות, זיינע מעשים טובים, זיין גוטסקייט צו מענשען, זיין איבערגעבענקייט דעם כלל ישראל.

דער עלטערער זוהן פון ר׳ חיים, ר׳ אברהם אבלי דאַווידזאָהן, איז געוועזן אַ גרויסער גאון און איז אַלס יונגער מאַן געוואָרען רב אין ביאַלע. ווי זיין גרויסער פאָטער איז ער געווען בעריהמט מיט זיין חריפות און בקיאות; די אַלע רבנים פון די אַרומיגע שטעדט האָבען זיך געווענדעט צו איהם מיט זייערע שאלות, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט מיט גרויס עניוות אָבער מיט טיפער קענטניש אין דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור. אויך מיט׳ן פאָטער ר׳ חיים האָט ער געפיהרט אַ לעבהאַפטע קאָרעספאָנדענץ אין חידושי תורה, און ר׳ חיים האָט מיט איהם שטאָלצירט. ר׳ אברהם אבלי איז אָבער אין זיינע בעסטע יאָהרען געשטאָרבען, נישט איבערלאָזענדיג קיין קינדער. דער פאָטער האָט נאָך איהם לאַנג געטרויערט און זיך נישט געקאָנט טרייסטען.

אויך די איבריגע זיהן פון ר׳ חיים׳ן זענען געווען גרויסע

ר׳ נפתלי דאווידזאהן.
א בילד פון אנ׳אונבעקאנטען מאלער אין לייפציג.
(אריגינאל ביי ד״ר יוסף דאווידזאהן).

לומדים, אָבער זיי אַלע האָבען זיך איבערגעגעבען דעם מסחר, און זיך גערעכענט צווישען די אָנגעזעהענסטע גבירים אין וואַרשא. בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט ר׳ חיים׳ס צווייטער זוהן ר׳ נ פ ת ל י, וועלכער איז געווען אַנ׳איידעם פון דעם וואַרשאווער גביר ר׳ לייבוש חלפן (פון איהם שטאַמט די בעוואוסטע פאַמיליע ל ע ס ע ר - ל ע ו י אין וואַרשא), און האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען, פלעגט פאָהרען קיין לייפציג אויפ׳ן יריד (דאַמאָלס איז נאָך קיין באַהן נישט געוועזען, און אַ נסיעה איינמאָל אין 2 יאָהר קיין לייפציג איז געווען אַ גרויס געשעהעניש), דערביי איז ער געווען אַ למדן מופלג, האָט קיין איינציגען טאָג נישט דורכגעלאָזט אָהן לערנען אַ שיעור תנ״ך און תלמוד, און זיך בעטייליגט אין אַלע ענינים, וואָס זענען נוגע געווען דער וואַרשאווער קהלה און דעם כלל ישראל.

אַזוי געפינען מיר ר׳ נפתלי׳ן פיל מאָל אונטערגעשריבען צוזאַמען מיט זיין פאָטער און אַנדערע חשוב׳סטע בעלי-בתים אויף פערשיעדענע ערקלערונגען צו דער מאַכט און אויף כרוזים וועגען די וויכטיגסטע רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע פראַגען. ער האָט זיך גערעכענט אַלס איינער פון די אויטאָריטעטען אין רעליגיעזע פראַגען, און פלעגט זיך אונטערשרייבען בדרך ענוות „הקטן״ אָדער „הק׳״, ווי אַלע גרויסע רבנים.

אויסער זיין לומדות איז ער אויך געווען אַ מושלם: אַ שעגער בעל-קורא, לויט אַלע כללים פון דקדוק, אַ זעלטענער בעל-תוקע, איינער פון די בעסטע מוהלים, און ס׳איז געווען דער גרעסטער כבוד פאַר אַ פאָטער, ווען ער האָט זוכה געווען, אַז רבי נפתלי זאָל זיין דער מוהל פון זיין קינד.

ווי זיין גרויסער פאָטער איז אויך ר׳ נפתלי נישט געווען קיין פאַנאַטיקער, הגם ער איז געווען העכסט פרום. ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער די מדה, צו דערווייטערען זיך פון יעדער מחלוקת, און דאַרום, זייענדיג אַ שטאַרקער מתנגד, האָט ער

זיך דאָך נישט בעטייליגט אין דער מלחמה געגען די חסידים, וועלכע האָט אויסגעבראָכען אין מיטען פונ׳ם פאָריגען יאָהרהונ־דערט מיט אַ בעזונדערער פערביטערונג, און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך אויך נישט געוואָלט בעטייליגען אין דעם שטאַרקען קאַמף, וואָס די אָרטאָדאָקסען האָבען געפיהרט געגען דער ראַבינער־שולע, הגם אויך ער, ווי ר׳ חיים, האָט איינגעזע־הען, אַז די ראַבינער־שולע האָט ענטווישט די אַלע גוטע האָפנונ־גען, וואָס מען האָט תחילת געהאָפט פון איהר... און דאָך האָט ר׳ נפתלי ליב געהאַט די בילדונג, זאָגענדיג שטענדיג „טוב תורה עם חכמה״. פאָהרענדיג אָפט קיין לייפּציג, האָט ר׳ נפתלי געהאַט די געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך, אַז די וועלטליכע קענטנישען זענען נויטיג פאַר יודען, ווייל זיי עפענען פאַר זיי די גרעס.רע וועלט און מאַכען זיי לייכטער די שווערע פרנסה. ער האָט דאַרום אַלע זיינע קינדער געגעבען אַ גרינדליכע יודישע, און דערביי אויך אַנ׳אַלגעמיינע בילדונג.

אַ שטריך פון ר׳ נפתלי׳ס זין פאַר קונסט איז דער פאַקט, וואָס זייענדיג אין לייפּציג, האָט ער זיך געלאָזט מאָלען זיין אייל־בילד דורך אַ גרויסען מאַלער (דאָס בילד געפינט זיך יעצט ביי זיינע אוראייניקלען). אויך האָט ער געלאָזט מאָלען דאָס בילד פון זיין פאָטער ר׳ חיים דורך דעם גרויסען מאַלער שטער־לינג, וועלכער איז דערנאָך געוועזן לייב־מאַלער ביי נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. *)

ר׳ נפתלי איז געוועזן די רעכטע האַנד פון זיין פאָטער, און אין יעדער וויכטיגער פראַגע פלעגט ער זיך מיט איהם מתיעץ זיין. אויך ר׳ בעריש מייזליש, וועלכער איז געוועהלט

*) דאָס בילד פון ר׳ חיים דאַווידזאָהן, וואָס איהר קאָפּיע ברענגען מיר אין אונזער יעצטיגען ווערק, איז געמאָלט געוואָרען ערשט נאָך ר׳ חיים׳ס פּטירה, ווען ער איז געלעגען אויפ׳ן טויטען בעט. דער אָריגינאַל געפינט זיך ביי אַנ׳אייניקעל פונ׳ם מאַלער, דעם ריכטער ה׳ קאַזימיערזש שטערלינג.

**די מצבה פון ר׳ נפתלי דאווידזאהן.**
(שטעהט ביים פאטער׳ס מצבה אויף דעם ווארשאווער בית עלמין).

געוואָרען אַלס אויבער־רב פון וואַרשא נאָך ר׳ חיים׳ס פטירה, האָט קיין וויכטיגע זאַך נישט געטהון, נישט בעראַטענדיג זיך פריהער מיט ר׳ נפתלי׳ן. פיל מאָל האָט מען איהם געוואָלט וועה־לען אַלס איינעם פון די דאָזאָרעס, אָבער זייענדיג אַ בורח מן הכבוד, האָט ער די שטעלע נישט געוואָלט אָננעהמען, כאָטש פאַקטיש איז קיין וויכטיגע זאַך אין דער קהלה נישט געטהון געוואָרען אָהן זיין וויסען און אָהן זיין עצה.

ר׳ נפתלי איז נפטר געוואָרען 9 יאָהר נאָך ר׳ חיים׳ס טויט. דעם 18־טען מרחשוון תרכ״ג (1862). זיין מצבה ענטהאַלט אין קור־צע ווערטער זיין גאַנצע כאַראַקטעריסטיק.

## ר׳ יוסף צבי דאַווידזאָהן.

ר׳ נפתלי האָט געהאַט דריי זיהן: ר׳ יוסף צבי, ר׳ לייב און ר׳ עקיבא דאַווידזאָהן, און איין טאָכטער — רחל.

ר׳ לייב און ר׳ עקיבא האָבען זיך אַריבערגעצויגען קיין רוסלאַנד, וואו זיי האָבען חתונה געהאַט און געפיהרט גרויסע מסחרים — ר׳ לייב אין מאָהליוו און ר׳ עקיבא — אין טשערניגאָוו. ר׳ לייב׳ס זוהן איז דער בעוואוסטער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנער ד״ר אליהו דאַווידזאָהן. ר׳ עקיבא׳ס זוהן איז ד״ר קאַרל דאַווידזאָהן, וועלכער לעבט יעצט אין קיעוו.

ר׳ יוסף צבי איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1857 (תקצ״ז), און האָט בעקומען אַ גרינדליכע יודישע בילדונג ביי די בעסטע און גרעסטע מלמדים. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ העברעאיסט און בעל-דקדוק. ער האָט אויך ערלערנט איינינע שפראַכען און זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גרויסען פערשטאַנד, זעלטענע פקחות, און דערביי מיט זיין רוהיגען כאַראַקטער. ער האָט זעהר וועניג גערעדט, אָבער זיינע וועניגע ווערטער זענען געווען קלוג, שכל׳דיג, טיפזיניג.

ר׳ יוסף צבי איז געווען אַנ׳איידעם פון דעם גרעסטען וואַרשאווער גביר אין יענע צייטען, ר׳ דוד טעמקין, וועלכער האָט איבערגענומען ביי דער רוסישער רעגירונג גרויסע „פּאַדריאַדען״. די גאַנצע שטרעקע פון דזיקאַ גאַס (יעצט נומער 73) ביז דעם שטעדטיל פּאָוואָנזעק האָט געהערט צו ר׳ דוד׳ן,

די מצבה פון ר׳ **יאסעלע דאווידזאהן**
(אויף דעם ווארשאווער בית עלמין).

און איז בעקאַנט געווען מיט'ן נאָמען „ר' דוד'ס הויף". לערך 200 משרתים און אָנגעשטעלטע האָט ר' דוד געהאַט אין זיינע געשעפטען. הונדערטער מענשען פלעגען קומען אין ר' דוד'ס הויף, צו נעכטיגען און עסען, ווייל אין וואַרשא איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ געטאָ, יודען האָבען געמעגט וואוינען נאָר אין איינינע געצעהלטע גאַסען, און דערצו האָט יעדער יוד, וואָס איז געקו־מען קיין וואַרשא, געמוזט צאָהלען „טאָג־צעטעל"; אָבער ביי ר' דוד אין הויף האָבען זיי זיך אויפגעהאַלטען אומזיסט, בעקומען עסען, ווייל ר' דוד, בעזונדערס זיין פרוי, מ אַ ש ע, זענען געווען זעל־טענע מכניסי אורחים. ביי זייער טיש פלעגען שטענדיג זיצען הונדערטער אורחים, בפרט אַלע רבנים און תלמיד חכמים, וואָס פלעגען קומען קיין וואַרשא.

פון ר' דוד'ס הויז פלעגען אַרויס די גרעסטע צדקות. זיין פרוי האָט נישט געהאַט קיין גרעסערן נחת, ווי אַרויסנעהמען די קעסטלעך מיט רענדלעך, וועלכע דער מאַן פלעגט בעקומען אַלס האַנדגעלד פון קייזער ניקאָלאַי, און זיי צוטיילען צווישען די אָרעמע אורחים.

אין אַזאַ הויז האָט ר' יוסף צבי אַלס איידעם פערברענגט זיינע יונגע יאָהרען נאָך דער חתונה, און איז באַלד אַליין אויך געוואָרען אַ גרויסער אונטערנעהמער, און אין זיינע הנהגות גע־האַט פאַר זיך אַלס מוסטער פון איין זייט זיין פאָטער ר' נפתלי און פון דער צווייטער זייט — דעם שווער, דעם גרויסען נדבן און בעל־צדקה.

ר' יוסף צבי האָט זיך אויך גערעכענט פון די אָנגעזע־העטסטע גבירים אין וואַרשא. ער איז געווען פרום, אַ שטאַרקער מתנגד, ווי זיין פאָטער און זיידע. מיט זיין זעלטענעם פערשטאַנד האָט ער גע'שמ'ט, אַזוי אַז אין די גרעסטע סכסוכים און פערוויי־קעלטסטע ענינים פלעגט מען איהם אויסקלויבען אַלס „בורר".

זיינע קינדער האָט ער געגעבען אַ יודישע און וועלטליכע

בילדונג. איין טאָכטער חיה-העלענא, וועלכע איז געוועזן ביי איהם דאָס ליבסטע קינד, האָט ער אָבגעגעבען זאָגאַר אין אַ פוילישען פענסיאָנאַט פאַר מיידלעך, דאָס איז שוין געוועזן אַ גרויסער שריט פאָרווערטס אין יענע צייטען. ווען די דאָזיגע טאָכטער איז קראַנק געוואָרען, האָט ר׳ יוסף צבי אַוועקגעוואָרפען אַלע זיינע געשעפטען און האָט גאַנצע 3 חדשים נישט אָבגעטראָטען פון איהר בעט. זיין איבערגעגעבענע אויפפאַסונג און די הילף פון די גרעסטע דאָקטוירים האָבען אָבער גאָרנישט געהאָלפען. די טאָכטער איז געשטאָרבען. דאַן איז ר׳ יוסף צבי אויפגעשטאַנען, געוואַשען די הענט, אויסגערופען „ה׳ נתען וה׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך” (גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט זי צוריקגענומען, זאָל זיין נאָמען זיין געבענשט), און נאָך דער שבעה זיך ווידער גענומען צו זיינע געשעפטען, און ווי אַ אמת׳ער צדיק מקבל באהבה געוועזן דעם פערלוסט פונ׳ם הייס-געליבטען קינד (אויף איהר נאָמען הייסט די טאָכטער פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן, יעצט די פרוי פון בעוואוסטען באַנקיר און עסקן ר׳ מיכל שערעשאָווסקי).

ר׳ יוסף צבי איז נפטר געוואָרען אין די בעסטע יאָהרען — אין עלטער פון 43 יאָהר (דעם 13-טען שבט תר״מ). זיין פרוי די אלמנה האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט דעם קאָוונער רב, דעם בעריהמטען גאון רבי יצחק אלחנן ספעקטאָר, און זי איז בעריהמט געוועזן אַלס איינע פון די גרעסטע נשים צדקניות.



**ר׳ לייבוש דאווידזאהן.**
בילד פון מאלער מ. עליאוויטש
(אריגינאל ביי ד״ר נח דאווידזאהן.)

## ר׳ אריה ישכר לייבוש דאַווידזאָהן.

ר׳ יוסף צבי (יאָסעלע) דאַווידזאָהן האָט געהאַט פיער קינ־דער: צוויי טעכטער און צוויי זיהן. איין טאָכטער, חיה, איז גע־ווען דאָס עלטסטע קינד, זעהר אַ גראַטענע, און ווי מיה האָבען שוין אין פאָריגען קאַפּיטעל געשריבען, איז זי געשטאָרבען אין דער בליהענדער יוגענד, צו 18 יאָהר. דער עלטסטער זוהן איז געווען ר׳ אריה ישכר, וועלכער איז בעקאַנט מיט׳ן נאָמען ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן, און וועמענס לעבען מיר ווילען אויספיהר־ליך בעשרייבען. זיין יונגערער ברודער חיים דוד דאַווידזאָהן, אַנ׳אַלטער קאַוואַלער, וואוינט יעצט אין מאָסקווע, וואו ער האָט געמאַכט אַ גרויס פערמעגען פון בוי־אונטערנעהמונגען, אָבער די באָלשעוויקעס האָבען זיין גאַנץ פערמעגען אַוועקגענומען, און ער איז פעראָרעמט געוואָרען. די יונגסטע טאָכטער, מאַשע, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ יעקב סאַפּיר פון וויטעבסק, און דאָרט לעבט זי היינט אַלס אלמנה.

ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן איז געבוירען געוואָרען דעם 12־טען בסלו תרי״ד (1853), ווען זיינע עלטערן האָבען געוואוינט אין דער גרויסער נחלה פונ׳ם זיידען ר׳ דוד טעמקין, אויף דזיקא גאַס.

שוין אַלס קינד האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקיי־טען. דער פאָטער האָט איהם פאַר גענומען די בעסטע מלמדים. בעזונדערס האָט ער פיל געלערענט ביים פּאָוואָנזקער רב ר׳ ישראל

איטשע ז״ל. דער יונגער לייבוש פלעגט יעדען טאָג אויפשטעהן גאַנץ פריה, זייגער 5, און איז אַוועק צופוס אַ מהלך-רב, צו זיין רבין, ביי וועלכען ער האָט געלערענט גמרא מיט אַלע מפרשים און זיך געשאַרפט דעם מוח אין פלפול. צו 14 יאָהר האָט שוין ר׳ לייבוש גע׳שמ׳ט אַלס גרויסער לערנער, און איז געוועזן בקי אין גאַנץ ש״ס.

ווי מיר ווייסען שוין, איז זיין פאָטער ר׳ יאָסעלע, ביי זיין גרויס פרומקייט געוועזן אַ וועלטליכער מענש און ליב געהאַט בילדונג (ער האָט אויסגעצייכענט געשריבען פויליש און פערשטאַנען גרינדליך די דייטשע שפראַך). ר׳ יאָסעלע האָט אַלזאָ געוואָלט, אַז זיין זוהן זאָל אויך בעקומען אַ וועלטליכע בילדונג. ער האָט פאַר איהם צוגענומען גוטע לעהרער, און ר׳ לייבוש האָט גאָר אינגיכען דערלערנט גרינדליך די דייטשע שפראַך מיט איהר ליטעראַטור; ער האָט אויך געלערענט פויליש (ביי אַ יודישען לעהרער, וועלכער פלעגט לעהרנען די גבירישע קינדער), לאַטיין, געשיכטע און אַנדערע למודים. גאַנץ בעזונדערס האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט דער העברעאישער שפראַך; נעלערענט תנ״ך מיט באור, געלעזען די בעסטע העברעאישע קלאַסיקער און אַלע השכלה-ביכער פון יענער צייט, און צו 15 יאָהר שוין געשריבען אַ שענעם העברעאיש. אַ גרויסע ווירקונג צו ליבען די העברעאישע ליטעראַטור האָט אויף איהם געהאַט דער זשורנאַל „השחר״, אַרויסגעגעבען פון פרץ סמאָלענסקין, וועלכער איז געוועזן ר׳ לייבוש׳ס אַ געשוועסטער-קינד (סמאָלענסקין האָט גענומען פאַר אַ פרוי אַנ׳אייניקעל פון ר׳ דוד טעמקין).

שוין צו 16 יאָהר האָט ר׳ לייבוש פערזוכט דעם עול פרנסה. זיין פאָטער איז קראַנק געוואָרען, און ער האָט איבערגענומען די פיהרונג פון זיינע געשעפטען: די צושטעלונגען פאַר דער רעגירונג. אָבער דערביי האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען און זיך פערפאָלקאָמען, הן אין למודי קודש, הן אין וועלטליכע קענט-

נישען. ער האָט אויסגעשריבען די בעסטע דייטשע לעהר-ביכער אין העכערער מאַטעמאַטיק, וועלט-געשיכטע, נאַטור-וויסענשאַפט אד"ג, און מיט אַ אונגעוועהנליכען פלייס פערברענגט אויף זיי זיין גאַנצע פרייע צייט.

ר׳ לייבוש האָט זיך אויך אָבגעגעבען מיט שטודירען פילאָזאָפיע. ער האָט געלעזען די ווערק פון שפינאָזאַ, קאַנט און אַנדערע פילאָזאָפען, און געקענט גרינדליך די שיטה פון יעדען פילאָזאָף; דערביי האָט ער געזוכט, צו געפינען די שפורען פון די פילאָזאָפישע געדאַנקען אויך אין תלמוד. ביי איהם איז געווען דער גרעסטער פערגעניגען, צו דערווייזען מיט זיין שאַרפען שכל, אַז די מיינונג פון די גרויסע פילאָזאָפען איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַנדערהאַלבען אָדער צוויי טויזענט יאָהר צוריק, דורך אונזערע תנאים און אמוראים.

צוליב די געשעפטען, וואָס ער האָט אָנגעהויבען פיהרען אַלס יונגער בחור, איז איהם אויסגעקומען צו האָבען כסדר בעציהונגען מיט העכערע רעגירונגס-בעאַמטע. ער האָט דאַרום זיך אָנגעהויבען קליידען איירָאָפּעאיש, איז געוואָרען אַ „דייטש״ (ווי מען פלעגט דאַמאָלס רופען די קורץ-געקליידעטע), אָבער ער האָט נאָר געענדערט זיין אויסערליך אויסזעהען, פערבלייבענדיג פרום, ווי זיינע עלטערן; ער האָט זיך נישט ערלויבט עובר זיין אַפילו אויף דעם קלענסטען יודישען מנהג, און אַזוי איז ער פערבליבען זיין גאַנץ לעבען: אַ עלעגאַנטער איירָאָפּעער און דערביי אַ פרומער יוד.

זייענדיג ערצויגען אין דער טראַדיציע פון זיין גרויסען עלטער-זיידען ר׳ חיים און זיין זיידען ר׳ נפתלי, איז אויך ער געווען אַ מתנגד, אַ גרויסער געגנער פון חסידים, בפרט אַז אין זיין צייט האָט שוין דער חסידיזם פערלאָרען פיל פון זיין ערשטען מהות און זיין מיסטישען גלאַנץ. אַלס אַ מענש מיט אַ פעסטע כאַראַקטער און אונגעוועהנליכע ענערגיע, האָט ר׳ לייב שוין

נאָך פון דער פריהעסטער יוגענד נישט פערבאָרגען זיין שנאה צו די חסידים, און דאָס האָט איהם גאַנץ אָפט פערשאַפט גרויסע אונאַנגענעמליכקייטען, ווייל די חסידים האָבען איהם געצאָהלט נאָך מיט אַ פיל שטאַרקערער שנאה און מיט פערביטערטע רדיפות.

אין יאָהר 1876 האָט ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן חתונה געהאַט מיט שרה־רחל פינעס, די טאָכטער פונ׳ם גביר און גרויסען אינדוסטריעלער ר׳ נח פינעס פון רוזשאַני און זיין פרוי הינדע, געבוירענע קאָהן פון וואַרשא *). די פאַמיליע פינעס איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט געגרינדעט גרויסע טוך־פאַבריקען אין גראָדנער און ביאַליסטאָקער קאַנט. די ערשטע פאַבריק האָט זי געגרינדעט אין רוזשאַני, אין די צייטען פון קייזער ניקאָליי דעם ערשטען. זי האָט אָבגעקויפט ביים גראַף סאַפיעהאַ זיין פאַלאַץ אויף אַ באַרג נעבען רוזשאַני, און זיך דאָרט בעזעצט. אונטען איז געווען די שטאָדט (עד היום ווערט רוזשאַני איינגעטיילט אין צוויי טיילען: דער פאַלאַץ — אויפ׳ן באַרג — און דאָס שטעדטעל אונטען). נאָך דער ערשטער טוך־פאַבריק אין רוזשאַני, האָט די פאַמיליע געגרינדעט עהנליכע פאַבריקען אין קאָסאָוואָ און ווילקאָוויסק, און אַזוי האָט זי געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער אינדוסטריע אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואודסטוואָ.

*) זי איז געווען די טאָכטער פון ר׳ וועלוועלע לייפציגער (קאָהן), וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין מחותן ר׳ יחיאל מיכל האַוער (עטינגער, דער עלטערזיידע פונ׳ם בעוואוסטען אדוואָקאַט הענריק עטינגער) אָנגענומען געוואָרען דורך נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, אין יאָהר 1912, אַלס אַ יודישע דעפּוטאַציע. דאָס איז געווען אום שבועות. די ביידע גבירים נכבדים האָבען אָנגעטהון די בגדי יום־טוב מיט די שטריימלעך און געגאַנגען צופוס פון פראַנציסקאַנער גאַס ביז׳ן בעלוועדער, דערוועקענדיג אויפ׳ן גאַנצען וועג אַנ׳אויפלויף פון די קריסטען. קומענדיג אין פאַלאַץ מיעדע, האָבען זיי זיך געזעצט וואַרטען אויף דער אודיענץ און פון גרויס מיעדקייט זענען זיי ביידע איינגעשלאָפען. ווען נאַפּאָלעאָן איז דערנאָך אַריינגעקומען, האָט ער געפונען צוויי אַלטע יודען, מיט אַ פּאַטריאַרכאַלען אויסזעהן, שלאָפען...

אין דער פאַמיליע פינעס האָט זיך פעראייניגט תורה, צדקה און מעשים-טובים, צוזאַמען מיט רייכטום און וועלטליכע בילדונג.

אין אַלע אַרומיגע שטעדט האָט די פאַמיליע געגרינדעט און אויסגעהאַלטען אויף אייגענער רעכנונג תלמוד-תורה׳ס און ישיבות. נאָך דער גרויסער שרפה פון רוזשאַני האָט די פאַמיליע אָבגעבויט די גאַנצע שטאָדט אויף איהר אייגענער רעכנונג.

ר׳ לייבוש דאַווידזאָהנס פרוי, שרה-רחל, איז געווען אַ שוועסטער פון דעם בעוואוסטען שריפטשטעלער, חובב ציון און כלל-טהוער ר׳ יחיאל מיכל פינעס, וועלכער איז נאָך מיט פיערציג יאָהר צוריק אַוועקגעפאָהרען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע קיין ארץ ישראל, זיך בעזעצט אין ירושלים, און איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע און אָנגעזעהענסטע עסקנים, בפרט אין ענטוויקלען דעם ישוב און גרינדען נייע קאָלאָניעס. (ער איז גע-ווען דער שוויגערפאָטער פון ר׳ דוד יעלין, פאָרזיצענדער פון ועד הלאומי). איהרע צוויי עלטערע שוועסטער האָבען אויך חתונה געהאַט מיט גרויסע מיוחסים, איינע — מיט ר׳ שאול, אַ זוהן פון ר׳ מאיר פרידלאַנד פון פעטערבורג, און די צווייטע איז געווען די פרוי פונ׳ם בעריהמטען געלעהרטען, שריפטשטעלער, דיכטער און היסטאָריקער ר׳ זאב יעבץ ז״ל. די יונגסטע שוועסטער, שרה-רחל (געבוירען ב׳ ניסן, תרי״ח — 1858), האָט בעקומען אין דער היים אַ גרינדליכע יודישע ערציהונג, האָט געלערענט ביי די בעסטע לעהרער שפראַכען, און מיט בעזונדער ליבע האָט זי גע-לערנט תנ״ך, וועלכען זי האָט געקענט אויסענוועניג, און אויך געלעזען די העברעאישע ליטעראַטור און געשריבען זעלבסט אַ פליסיגען העברעאיש. צו 15 יאָהר האָבען זי איהרע עלטערען אַוועקגעשיקט קיין ווין, וואו זי איז ערצויגען געוואָרען אין אַ יודישער העכערער טעכטער-שולע און נאָך מעהר פערגרעסערט דעם קרייז פון איהרע קענטנישען.

צו 18 יאָהר האָט זי חתונה געהאַט מיט ר׳ לייבוש׳ן און

זיך בעזעצט אין וואַרשא, וואו זי האָט באַלד געוואונען די אַלגעמיינע סימפּאַטיע דורך איהר איידעלען, גוטען כאַראַקטער, זעלטענע מדות, גרויסער בילדונג און גוטעס האַרץ. זי איז געווען זעהר צוגעבונדען צו איהר מאַן, אַ גלענצענדע מוטער צו די קינדער, דערביי זיך אויך פיל אָבגעגעבען מיט פילאַנטראָפּישער אַרבייט, נאָר שטיל, אָהן רעש, אָהן רעקלאַמעס, ווי איינע פון די פערצייטישע נשים צדקניות. זי איז געווען די הויפּט-גרינדערין פון'ם סענאַטאָריום „בריאות" אין אָטוואָצק. זי פלעגט אויסהאַלטען גאַנצע פאַמיליעס, געזאָרגט פאַר זייערע קינדער, אָבגעגעבען זיי אין שולען, די שוואַכע און קראַנקע — געשיקט אויף איהר רעכנונג אין סאַנאַטאָריום, געגעבען פאַר די טעכטער מאַשינען צום נייהען, געשיקט גרויסע סומען שטיצע אויף יעדען יום-טוב. זי פלעגט זיך אָבזאָגען פון טואַלעטען, און דאָס געלד אָבגעבען די אָרעמע בכבוד'ע פאַמיליעס, פאַר וועלכע זי האָט געזאָרגט ווי פאַר איהר אייגענע פאַמיליע.

נאָך דער חתונה האָט ר' לייבוש דאַווידזאָהן זיך מיט זיין גאַנצער ענערגיע און פעהיגקייטען איבערגעגעבען זיינע געשעפטען. ער האָט איבערגענומען ביי דער רעגירונג גרויסע „פּאָדריאַדען" אויף בויען קאַזאַרמעס, בריקען, שאָסייען וכדומה, אָבער די דאָזיגע געשעפטען האָבען איהם נישט אָבגעריסען פון זיין גייסטיגער בעשעפטיגונג: ער האָט יעדען טאָג געמוזט לערנען זיין שעור און פערפאָלקאָמען זיינע קענטנישען. מייסטענס פלעגט ער פערברענגען די נעכט אויף לעזען ספרים און ביכער. מיט דער צייט האָט ער געקענט אויסענווענדיג די וויכטיגסטע פון די יודישע קלאַסיקער, ווי דעם „מגדל עז" און „לישרים תהלה" פון לוצאַטו דעם „שירי תפארת", וכדומה, ווי אויך די דייטשע קלאַסיקער: געטהע, לעסינג, שילער א. אַנד. די שבתים פלעגט ער פערברענגען אין הויז פון דעם גרויסען געלעהרטען און גבאי פון דער גרויסער סינאַגאָגע אין וואַרשא, ר' משה קאָהן, וואָס

זיין הויז איז געווען אַנ׳אמתער „בית ועד לחכמים״ *). דאָרט פלעגען זיך פערזאַמלען די אַלע יודישע געלעהרטע, ליטעראַטען און משכילים פון יענער צייט, ווי ר׳ חיים זעליג סלאָנימסקי, ר׳ זאב יעבץ, גלאָבוס, זאב אשכנזי (דער פאָטער פון פּראָפ. שמעון אשכנזי) און אַנדערע. מען פלעגט דאָרט פיהרען שמועסען און וכוחים וועגען פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, מען האָט דיסקוטירט וועגען די ניי־ערשינענע ספרים און ביכער, מען האָט בעהאַנדעלט און אַרומגערעדט די וויכטיגסטע יודישע פראַגען. עס פלעגען אויך פאָרקומען אינטימע פאָרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס.

אָט אין יענעם הויז פלעגט אויך ר׳ לייבוש פערברענגען זיינע שבתים. איהם האָט געצויגען צו דער געקליבענער געזעלשאַפט פון די וויכטיגסטע משכילים אין יענער צייט, פאַר וועלכע אויך ער האָט געהאַט וואָס צו אַרויסוויזען, אַרויסזאָגען אָריגינעלע מיינונגען וועגען פערשידענע פראַגען און וועגען די נייע ווערק, וואָס ער האָט געלעזען; אַרויסווייזען וואונדער פון זיין זכרון, דעקלאַמירענדיג גאַנצע קאַפּיטלען פון „נאַטאַן דער ווייזע״,

---

*) ר׳ משה קאָהן איז דער פאָטער פונ׳ם ד״ר סטאַניסלאַוו קאָהן אין לאָדז, און דער שווער פונ׳ם גרויסען לאָדזער פאַבריקאַנט זילבערשטיין. ער איז געווען אַ ברודער פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהנס שוויגערמוטער, וועלכע איז געווען די טאָכטער פון ר׳ משה קאָהנס פאָטער ר׳ וועלוועלע לייפציגער, וועגען וועלכען מיר האָבען געשריבען אין דער פאָריגער אָנמערקונג.

ר׳ משה קאָהן איז געווען אַ גרויסער געלעהרטער און פילאָזאָף, אַ טיפּ פון אַ דייטשען פּראָפעסאָר און טיפען פאָרשער, דערביי אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער העברעאישער ליטעראַטור און אַ בקי אין אַלע יודישע ספרי־חכמה.

ווען ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן איז געווען איינמאָל אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע און געזעהען אויף דער בימה די גרויסע מנורה מיט 7 רעהרען, האָט ער זיך געווענדעט צו ר׳ משה קאָהן און איהם אויפגעוויזען, אַז לויט׳ן יודישען דת טאָר מען נישט שטעלען אַזאַ מנורה אין אַ שול, ווייל אַ מנורה מיט זיבען רעהרען איז נאָר געווען אין בית־המקדש. דער גבאי און גרויסער משכיל ר׳ משה האָט באַלד נאָכגעגעבען און בעפוילען, אַרויסשרויפען די מיטעלסטע זיבעטע רעהר. ביז׳ן היינטיגען טאָג בעשטעהט די מנורה אין דער סינאַגאָגע נאָר פון 6 רעהרען.

אָדער „די רויבער", „פויסט", „הערמאַן און דאָראָטעאַ" וכדומה, וועלכע ער האָט געדענקט אויסענווייניג.

די שבתים אין דעם הויז פון ר׳ משה קאָהן זענען געווען פאַר ר׳ לייבוש׳ן ווי אַ גייסטיגע אויפפרישונג און אַ בעוועג-קראַפט, צו ווידמען ווייטער זיין פרייע צייט, נישט בלויז דעם לערנען און לעזען, נאָר אויך איבערגעבען זיך מיט כלל-אַרבייט. בעזונדערס האָט זיך אין איהם צופלאַקערט דער חשק צו אַרבייטען פאַר׳ן כלל נאָך די שרעקליכע פּאָגראָמען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין יאָהר 1882.

די כוואַליע פון פּאָגראָמען אין גאַנץ דרום-רוסלאַנד אינ׳ם דערמאָנטען יאָהר האָט אויפגעשיטערט דאָס גאַנצע יודענטום אין דער וועלט. אין וואַרשא איז דאַן פאָרגעקומען אַנ׳אספה, צו בעטראַכטען, ווי צו העלפען די פּאָגראָמירטע יודען. אין דער דאָזיגער אספה האָבען זיך בעטייליגט דער בעוואוסטער גאון ר׳ שמואל מאָהליווער (ראַדאָמער און דערנאָך ביאַליסטאָקער רב), י. מ. מאירסאָן, מנשה מייעראָוויטש, שאול פּינחס ראַבינאָוויטש (שפ"ר), ד"ר זאַמענהאָף — דער שאַפער פון „עספּעראַנטאָ", ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן און א"ש פרידבערג. די אספה איז געקומען צום בעשלוס, אַז די איינציגע רעטונג פאַר יודען איז, צו האָבען אַנ׳אייגען ווינקעלע אין זייער אַמאָליגער היים — ארץ ישראל, און צייט דאַמאָלס איז ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן געוואָרען אַנ׳איבערגעגעבענער „חובב ציון", איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער געזעלשאפט פאַר „חבת ציון" אין וואַרשא, און זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער געשענקט, צו אויספיהרען דעם געדאַנק: ווידער אויפלעבען ארץ ישראל דורך גרינדען דאָרט קאָלאָניעס און אַ נייעם ישוב, כדי יודען זאָלען דאָרט האָבען אַ מקלט פון די גלות-לענדער.

דער זעלבער געדאַנק האָט געפונען פיל אָנהענגער אויך אין אַנדערע שטעדט אין רוסלאַנד און אין מערב אייראָפּא. מיט

פרישער קראַפט האָט אָנגעהויבען זיך פערשפרייטען דער נאַציאָנאַלער געדאַנק צווישען יודען. גרופען יונגע לייט, דאַרונטער סטודענטען פון כּאַרקאָווער אוניווערזיטעט (די דאָזיגע גרופּע אידעאַליסטען איז בעקאַנט מיט׳ן נאָמען ביל״ו — בית יעקב לכו ונלכה) האָבען זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ ישראל, און מיט אמת׳ע מסירת־נפש געגרינדעט די קאָלאָניעס „ראשון לציון״, „ראש פנה״ (דורך די רומענישע יודען) און „זכרון יעקב״. אין פיל ערטער אין רוסלאַנד און פוילען זענען געגרינדעט געוואָרען אַגודות פון „חובבי ציון״, אָבער זיי האָבען געמוזט אַרבייטען געהיים, ווייל די רוסישע רעגירונג פלעגט נישט געבען קיין ערלויבנישען אַפילו אויף פשוטע וואָהלטעטיגע חברות, בפרט נאָך אויף פּאָליטישע פעראיינען. די וויכטיגסטע געהיימע אגודות פון די „חובבי ציון״ זענען געגרינדעט געוואָרען אין וואַרשא, אונטער דער אָנפיהרונג פונ׳ם שריפטשטעלער שאול פינחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר), און אין אָדעס, אונטער דער אָנפיהרונג פון ד״ר לעאָן פינסקער, פערפאַסער פונ׳ם בעריהמטען ווערק „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן״.

עס איז אָבער נויטיג געווען, צו פעראיינהייטליכען די טעטיגקייט פון די פערשידענע אַגודות און אויסאַרבייטען אַ פּראָגראַם. און היות די פּאָרשטעהער פון די אויסלענדישע אַגודות האָבען נישט געקאָנט קומען אויף אַ בעראַטונג קיין רוסלאַנד, צוליב דער מורא, מען זאָל נישט מסר׳ן, אַז עס קומט־פאָר אַ פּאָליטישע אונלעגאַלע בעראַטונג, פאַר וועלכען די צאַרישע רעגירונג האָט דאַן, נאָך דער ערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טען, זעהר שטרענג בעשטראָפט, איז בעשלאָסען געוואָרען, מען זאָל זיך צונויפקומען אין דער פּרייסישער גרענעץ־שטאָדט קאַטאָוויץ אויף אַ בעראַטונג.

די דאָזיגע בעראַטונג פון דעלעגאַטען איז פאָרגעקומען אין קאַטאָוויץ, דעם 23־טען סעפּטעמבער 1883, און אין איהר האָבען זיך בעטייליגט 13 מאַן: ד״ר צ. ליפּפּע פון יאַסי, ר׳ לייבוש דאַ־

ווידזאָהן, י. באַק פון מיסלאָוויץ, אייניגע דעלעגאטען פון קאַטאָ־וויצער חובבי ציון און נאָך אייניגע פון אַנדערע ערטער. די דאָזיגע „פאָרבערייטונגס-בעראַטונג" האָט בעשלאָסען, צו פעראיי־ניגען אַלע אגודות אין איין גרויסען פערבאַנד, איין חברה, וועל־כע זאָל זאַמלען קאַפּיטאַלען פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל. עס איז געוועהלט געוואָרען אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו אויספיהרען די בעשלוסען פון דער בע־ראַטונג. די קאָמיסיע איז בעשטאַנען פון 6 פערזאָן, און ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן איז געווען איינער פון זיי. די דאָזיגע קאָמיסיע האָט זיך גענומען פלייסיג צו דער אַרבייט, און איז געקומען אין שריפטליכער פערבינדונג הן מיט איינצעלנע וויכטיגע פערזאָנען, הן מיט די פערשידענע אגודות, צו פראָפּאַגאַנדירען דעם רעיון פון פעראייניגונג און מאַכען אַלע נויטיגע הכנות פאַר אַן אַלגע־מיינער קאָנפערענץ פון אַלע אגודות חובבי ציון.

אין חודש אלול תרמ"ד געפינען מיר לייבוש דאַווידזאָהן אונטערגעשריבען, צוזאַמען מיט י. מ. מאירסאָהן און המזכיר (סעקרעטאַר) שאול פינחס ראַבינאָוויטש אויף אַ בריף צו ר׳ שמואל יוסף פין אין ווילנא. אין דעם דאָזיגען בריף ווערט דערצעהלט וועגען דער רייזע פון ר׳ דוד גאָרדאָן, רעדאַקטאָר פון „המגיד", קיין אויסלאַנד, צו ווירקען אויף די יודישע אדירים, אַז זיי זאָ־לען געבען שטיצע פאַר די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. דערנאָך ווערט אָנגעוויזען, אַז ס׳איז גאָרנישט צו האָפען, דאָס די רו־סישע רעגירונג זאָל געבען אַן ערלויבניש אויף אַ געזעלשאַפט, וואָס איהר צוועק איז צו אַרויספיהרען פון לאַנד מענשען און געלד. מען מוז דאַרום זוכען מיטלען, ווי אַזוי צו מאַסקירען די זאַך, למשל געבען געלד כלומרשט פאַר עפּעס אַ בילד פון ארץ ישראל וכדומה. אַלע „חובבי ציון" אין יעדער שטאָדט זאָ־לען דאַוונען אין איין שוהל, און דאָס געלד, וואָס זיי וועלען צאַהלען פאַר ארץ ישראל, זאָל הייסען כלומרשט אַלס שול-אָבצאָהל.

מען מעג אויך זיין מיטגלידער צו אַנ׳אויסלענדישער פֿי־לאַנטראָפּישער געזעלשאַפֿט. ווײַטער ווערט אין בריף פֿאָרגעלעגט, צו רופֿען אַנ׳אַלגעמיינע פֿערזאַמלונג פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון אַלע אַגודות, און דאָס אָרט פֿון דער פֿערזאַמלונג זאָל ווידער זיין קאַטאָוויץ. צום סוף ווענדען זיי זיך מיט אַ הייסער ביטע צו ר׳ שמואל יוסף פֿין, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו גרינ־דען אַ געזעלשאַפֿט „אוהבי ציון" אין ווילנא, אַז ער זאָל מיט זיין גרויסען אויטאָריטעט זיי מיטהעלפֿען, צו פֿערווירקליכען דעם פּלאַן וועגען דער אַלגעמיינער קאָנפֿערענץ און וועגען גרינ־דען אַ צענטראַלען קאָמיטעט *).

דער פּלאַן פֿון דער פֿאָרשטעהענדער קאָנפֿערענץ ווערט דערנאָך אויספֿיהרליך בעאַרבייט דורך די וואַרשאווער חובבי ציון. ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן האָט פֿערברענגט פֿיל נעכט אין מיטהעלפֿען צו רעדאַגירען דעם פּראָיעקט און פֿערפֿאַסען אַנ׳אויס־פֿיהרליכען צירקוליאַר, וועלכער איז צושיקט געוואָרען אין העב־רעאיש צו אַלע אגודות אין רוסלאַנד, און אויף דייטש — צו די אגודות אין רומעניען און אין מערב־אייראָפּאַ. **)

ר׳ לייבוש העלפֿט אויך פֿיל מיט, צו אויספֿיהרען דעם פּלאַן, מען זאָל שיקען אַ פּראַכטפֿולען אַלבאָם אין נאָמען פֿון די גרעסטע יודישע קהלות אין רוסלאַנד, אַלס געשענק צו ר׳ משה מאָנטעפֿיאָרע, צו זיין הונדערטיעהריגען געבורטסטאָג. דער אַלבאָם איז איבערגעשיקט געוואָרען דורכן רעדאַקטאָר דוד גאָרדאָן, וועל־כער האָט אויפֿ׳ן וועג זיך אָבגעשטעלט אין פּאַריז און איבערגע־געבען דעם באַראָן עדמונד ראָטשילד דאַנק־אַדרעסען פֿון אַלע חובבי־ציון פֿאַר זיין שטיצע, וואָס ער האָט אָנגעהויבען געבען

---

*) „כתבים לתולדות חבת ציון וישוב ארץ ישראל", אַרויסגעגעבען דורכ׳ן „ועד לישוב ארץ ישראל" אין אָדעס. באַנד I, זייט 223 (אָדעס 1919).

**) דאָרט, זייט 228—235.

אייניגע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, און זיך צוגלייך משתדל געווען פאַר'ן באַראָן, אַז ער זאָל אויך אויף ווייטער נישט אַוועקנעהמען פון זיי די שטיצע.

דער פּראָיעקט, צונויפצורופען אַ גרויסע קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ, איז אָנגענומען געוואָרען דורך אַלע אגודות, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד, און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די אספה זאָל זיך אָנהויבען דעם 8-טען מרחשוון תרמ"ה, אינ'ם הונדערסטען געבורטס-טאָג פון מאָנטעפיאָרע. אָבער צוליב טעכנישע שטערונגען, איז די קאָנפערענץ אָבגעלעגט געוואָרען אויף דעם 18-טען מרחשוון. אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ זענען געקומען 32 דעלעגאַטען — די בעריהמטסטע יודישע עסקנים-נאַציאָנאַליסטען. איינער פון די וואַרשאָווער 5 דעלעגאַטען איז געווען ר' לייבוש דאַווידזאָהן. *)

די קאַטאָוויצער אספה האָט געדויערט גאַנצע פינף טעג — פון 18-טען ביז'ן 23-טען מרחשוון תרמ"ה (6—11 נאָוועמבער 1884). געעפענט די קאָנפערענץ האָט מיט אַ גרויסער רעדע דער

*) אין דער דאָזיגער היסטאָרישער אספה האָבען זיך בעטייליגט, אויסער ר' לייבוש דאַווידזאָהן, די פאָלגענדע פערזאָנען: שפ"ר-ראַבינאָוויטש פון וואַרשא, ר' קלמן זאב וויסאָצקי (מאָסקווע), ד"ר חאַזאַנאָוויטש (ביאַליסטאָק), ל. קלעוואַנסקי (קאָוונא), ס. פרידלענדער פון קאַטאָוויץ, אַדוואָקאַט ישראל יאַשינאָווסקי (וואַרשא), ל. שאַליט פון ריגא, דוד גאָרדאָן, רעדאַקטאָר פון „המגיד" אין ליק, מ. מאָזעס (קאַטאָוויץ), הגאון ר' שמואל מאָהליווער, ד"ר דריבינאָוויטש (ראָסטאָוו-דאָן), ב. ריטענבערג פון וואַרשא, ד"ר לעאָן פינסקער, ס. פרייטאַל (קאַטאָוויץ), מ. לונץ (ריגאַ), הרה"ג ר' דוד פרידמאַן (קאַרלין), ר' פישל פינעס (רוזשאַני), ח. וואָלרויך פון לאָנדאָן, ה. מירקין (פאָלטאַווע), אלכסנדר צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ", יעקב מאיר מאירסאָהן (וואַרשא), ד"ר מיכל ראַבינאָוויטש, איבערזעצער פון תלמוד אויף פראַנצויזיש (פאַריז), דייכעס (כאַרקאָוו), בראַמסאָהן (קאָוונע), ד"ר קאַרפעל ליפּפע (גאַליץ-רומעניען), י. באַרנעט (לאָנדאָן), נ. שאָנמאַן, ל. קאַלישער, ב. פריידענבערג (מאָסקווע) און ד"ר מ. מאַנדעלשטאַם (קיעוו).

פון די אַלע לעבט היינט נאָר איין איינציגער: ה' ריטענבערג פון וואַרשא.

עהרענפּאָרזיצענדער ד"ר פּינסקער, וועלכער האָט געגעבען אַנ-איבערבליק אויף דער לאַגע פון יודען, דערנאָך ענטוויקעלט דעם געדאַנק, וואָס ער האָט שוין פריהער אַרויסגעזאָגט אין זיין ווערק „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן", אַז ס'איז נויטיג, דאָס די יודען זאָלען צוריקקעהרען צו ערד-אַרבייט, צוגעבענדיג דערצו, אַז דער איינ-ציגער געאייגענטער אָרט פאַר דער יודישער אויפלעבונג איז נאָר ארץ ישראל. דערנאָך זענען דעבאַטירט געוואָרען אַלע פראַגען בנוגע דער קאָלאָניזאַציע, און עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רייהע בעשלוסען, ווי: צו פעראייניגען אַלע אגודות אונטערן נאָ-מען „מזכרת משה", לכבוד ר' משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער האָט אַזוי פיל געטהון פאַר'ן ישוב פון ירושלים (ער האָט דאָרט אויס-געבויט גאַנצע קוואַרטאַלען). אויך איז בעשטימט געוואָרען אַ גרעסערע סומע געלד, אַלס ספּעציעלע שטיצע פאַר די ביל"ו-צעס, וועלכע האָבען געליטען דאַן גרויס נויט. עס איז געוועהלט גע-וואָרען אַ קאָמיסיע פון 18 פּערזאָן, וואָס זאָל שטעהן אָן דער שפּיץ פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. אַלס פּאָרזיצענדער פון דער אָרגאַניזאַציע איז געוועהלט געוואָרען ד"ר פּינסקער; עס זענען אויך בעשטימט געוואָרען צוויי צענטרומס, אָדער צענטראַל-קאָמי-טעטען, איינער אין וואַרשא און איינער אין אָדעס. *)

ר' לייבוש דאַווידזאָהן איז געוועזן איינער פון די טיכטיג-סטע אָרגאַניזאַטאָרען פון דער קאַטאָוויצער אספה, און איז אונ-טערגעשריבען אויף איהרע פּראָטאָקאָלען. און אויך נאָכדעם איז ער געוועזן איינער פון די ענערגישסטע און פלייסיגסטע אַרביי-טער פאַר ישוב ארץ ישראל. ער האָט פלייסיג געאַרבייט אין דעם צענטראַל-קאָמיטעט און מיטגעהאָלפען אין אויסאַרבייטען די פיל צירקוליאַרען און קאָמוניקאַטען, וואָס דער וואַרשאווער קאָ-

---

*) שפּעטער איז דער וואַרשאווער צענטער בטל געוואָרען, צוליב פערשידע-נע סבות, און עס איז נאָר פערבליבען דער אָדעסער צענטער.

מיטעט פלעגט פונאַנדערשיקען צו אַלע אַגודות. ער האָט אויך מיטגעהאָלפען אויסאַרבייטען דעם סטאַטוט, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען צו דער רעגירונג, צו בעשטעטיגען די חובבי ציון אַלס אַ „געזעלשאַפט צו שטיצען די יודישע ערד-אַרבייטער און בעלי-מלאכות אין סיריען און פאַלעסטינאַ" *), און איבערהויפט איז קיין אַרבייט אין וואַרשאַווער קאָמיטעט נישט געטהון געוואָרען אָהן ר' לייבוש'ס מיטווירקונג.

ווען ס'איז אַ פּאָר יאָהר שפּעטער געגרינדעט געוואָרען אין וואַרשא די געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה", אויף קויפען ערד און גרינדען אַ קאָלאָניע אין ארץ ישראל, איז ר' לייבוש געווען פון די ערשטע מיטגלידער. דערנאָך איז ער, צוזאַמען מיט'ן ד"ר חאַזאַנאָוויטש, ר' שמואל מאָהליווער און אַנדערע, געפאָהרען אין יאָהר 1889 קיין ארץ ישראל, אַלס דעלעגאַציע פון דער חברה „מנוחה ונחלה", צו אויסגעפינען אַ פּלאַץ פאַר אַ נייע קאָלאָניע. צוזאַמען מיט איינגע קאָלאָניסטען פון „ראשון לציון" און „וואַדי-חנין" האָט די דעלעגאַציע געקויפט די ערד, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט געוואָרען די קאָלאָניע רחובות, וואָס איז היינט איינע פון די בעסטע און שענסטע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. ר' לייבוש האָט אויך געקויפט דאָרט אַ גרויסע שטיק ערד פאַר זיך זעלבסט.

גאַנצע זיבען וואָכען האָט ר' לייבוש פערברענגט דאַן אין ארץ ישראל. ער האָט געהענדיג צופוס אָדער רייטענדיג אויף אַן'עזעל, גרינדליך בעטראַכטען און אויסגעפאָרשט דאָס גאַנצע לאַנד, וועלכע איז נאָך דאַמאָלס געווען שרעקליך פערלאָזט און

*) די ערלויבניש פון דער רוסישער רעגירונג אויף דער חברה מיט דעם דאָזיגען נאָמען, איז נאָך פיל מיה און גרויס השתדלותן געגעבען געוואָרען ערשט אין יאָהר 1891

געמאַכט אויף איהם אַ שווערען איינדרוק מיט איהר אָבגעלאָזט־קייט.

אין דער קניה פון רחובות האָט ר׳ לייבוש׳ן מיטגעהאָלפען זיין שוואָגער, ר׳ יחיאל מיכל פינעס, וועלכער איז דאַמאָלס געווען דער הויפּט־טהוער, אין איינאָרדנען די גרופּע ביל״ויים און שטיצען זייער קאָלאָניע.

אַ גליקליכער איז ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן צוריקגעקומען קיין וואַרשא און געבערענגט די איבריגע מיטגלידער פון „מנוחה ונחלה״ די בשורה וועגען דער געקויפטער קאָלאָניע. ער האָט דאַן זיך פאָרגענומען, אַז מיט דער צייט זאָל ער אַליין אַרויס־פאָהרען און זיך בעזעצען אויף זיין נחלה אין ארץ ישראל.

אַלס פועל יוצא פון חבת ציון און די ערוואַכונג פונ׳ם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, איז געווען דער געדאַנק, צו אויפלעבען אויך די העברעאישע שפראַך און מאַכען זי פאַר דער אומגאַנגס־שפראַך פון אַלע יודען אין די גלות־לענדער (אין ארץ ישראל האָט שוין העברעאיש אָנגעהויבען דאַן אויפלעבען, אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון בן־יהודה). אין פיל שטעדט זענען דאַן געגרינדעט געוואָרען געזעלשאַפטען צו רעדען העברעאיש. אויך אין וואַרשא איז געגרינדעט געוואָרען אַזאַ געזעלשאַפט, מיט׳ן נאָמען „שפה ברורה״. די געזעלשאַפט פלעגט אין איינע פון די שוהלען אויף נאַלעווקי גאַס איינאָרדנען יעדען שבת העברעאישע פאָרלעזונגען און געשפרעכען. ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן פלעגט זעהר פלייסיג בעזוכען די דאָזיגע פאָרלעזונגען און מיט׳ן גרעסטען חשק גערעדט העברעאיש. *)

---

*) עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז צווישען די טיכטיגסטע מיטגלידער פון וואַרשאווער „שפה ברורה״, איז געווען דער דיכטער יצחק לייבוש פּרץ, און איינעמאָל האָט ער געהאַלטען רעדעס און פאָרלעזונגען אויף אַ גלענצענד העברעאיש אין דער שוהל, פאַר אַ גרויסען עולם.

איו יאָהר 1880 איז געשטאָרבען ר׳ לייבוש׳עס פּאָטער ר׳ יאָסעלע דאַווידזאָהן. אין יענער צייט איז אויך געוואָרען אַניאלמן דער קאָוונער רב, דער בעריהמטער גאון ר׳ יצחק אלחנן ספּעקטאָר. מען האָט איהם פאָרגעלעגט, צו נעהמען פאַר אַ פרוי ר׳ יאָסעלעס אלמנה, חנה, וועלכע האָט גע׳שמ׳ט מיט איהר פרומקייט און גוטסקייט. ווען מ׳האָט די זאַך פאָרגעלעגט דער אלמנה, האָט זי זיך אָנפאַנגס געקוויינקעלט, ווייל ביי איהר איז געוועזען טייער דאָס אָנדענקען פון איהר פערשטאָרבענעם מאַן, וועלכען זי האָט הייס געליבט. אָבער די גאַנצע משפחה, און זאָגאַר דער זוהן ר׳ לייבוש, האָבען איהר שטאַרק צוגערעדט צו דער פּאַרטיי, און זי האָט טאַקי חתונה געהאַט מיט ר׳ יצחק אלחנן. צייט דאַמאָלס איז דער קאָוונער גאון צוגעבונדען געוואָרען צו זיין שטיף-זוהן ר׳ לייבוש און איהם ליב בעקומען פאַר זיין לומדות, קענטניש און שכל. אין זיינע בריף צו ר׳ לייבוש׳ן פלעגט רבי יצחק אלחנן איהם אָנרופען „בני אהובי” (מיין ליבער זוהן), גאַנץ אָפט פלעגט ר׳ לייבוש פאָהרען קיין קאָוונע, צו בעזוכען זיין מוטער, די רבי׳צין, וועלכע איז געוועזען בעליבט אין גאַנץ קאָוונא. ער פלעגט דאַן פערברענגען מיט ר׳ יצחק אלחנן, וואָס אין זיין אַרבייטס-קאַבינעט האָבען זיך קאָנצענטרירט די וויכטיגסטע יודישע אינטערעסען. ר׳ לייבוש האָט, מיט זיין אָפּענעם כאַראַקטער, פיל מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט ר׳ יצחק אלחנן ער זאָל פעריאָגען פון זיך די לייט פון דער „לשכה השחורה” (שוואַרצע קאַנצעלאַריע — אַזוי האָט מען גערופען אַ געוויסע גרופּע פאַנאַטישע טהוער), וועלכע נוצען אויס דעם אויטאָריטעט פון ר׳ יצחק אלחנן צו זייערע פינסטערע צוועקען, בפרט צו אַגיטירען געגען חבת ציון; אָבער דער גאון, וועלכער איז געוועזען בטבע אַ ווייכער מענש, האָט ר׳ לייבוש׳ן געענטפערט: איך האָב קיין כח נישט געגען די לייט... דאָך איז געלונגען ר׳ לייבוש׳ן צו אָפּהיטען זיין גרויסען שטיף-פאָטער פאַר זייערע אינטריגעס

געגען די חובבי ציון, אַזוי אַז אויך ער איז צוגעשטאַנען צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער בעוועגונג.

אַלס צייכען פון טיפער ליבשאַפט האָט ר׳ יצחק אלחנן געשענקט דאַווידזאָהנען אַ זילבערנעם בעכער, וועלכען ער האָט בעקומען אַ מתנה פון די גרים-קאָזאַקען אין טערסקער געגענט (אין קאַווקאַז). דעם בעכער האָט ר׳ לייבוש אָבגעהיט ווי זיין שוואַרצאַפעל אַ גאַנץ לעבען. יעצט געפינט זיך דער טייערער בעכער ביי דער טאָכטער פון׳ם פערשטאָרבענעם ר׳ לייבוש, די אלמנה קאַדינסקאַ אין וואַרשא.

אין יאָהר 1896 איז ר׳ לייבוש געפאָהרען קיין קאָוונא, צו דער לויה פון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל. נאָך אַמאָל האָט ער געמאַכט אַ טרויעריגע נסיעה אין יענער שטאָדט, צו דער לויה פון זיין מוטער, די קאָוונער רבי׳צין, וועלכע איז נפטר געוואָרען אין יאָהר 1900.

נאָך זייענדיג אין יאָהר 1883 אין קאַטאָוויץ אויף דער קאָנ-פערענץ, האָט ר׳ לייבוש זיך בעקענט מיט די אָנפיהרער פון דער דאָרטיגער לאָזשע „בני ברית״, און איז אָנגענומען געוואָרען אַלס מיטגליד אין דער לאָזשע. ערשט נאָך כמעט 40 יאָהר האָט ער געקאָנט וועלען אָפען און לעגאַל אַ מיטגליד פון „בני ברית״ ביי זיך אין וואַרשא. נעמליך, דעם 23-טען יוני 1922 איז געקו-מען קיין וואַרשא דער עקזעקוטיוו פון דעם וועלט-פערבאַנד „בני ברית״ און דאָ געגרינדעט אַ לאָזשע, און ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן איז געווען דער ערשטער מיטגליד, וואָס איז אַריינגעפיהרט גע-וואָרען אין דער לאָזשע.

צוליב זיינע גרויסע געשעפטען איז ר׳ לייבוש׳ן זעהר אָפט אויסגעקומען צו זיין אין פעטערבורג. דאָרט האָט ער זיך בע-קענט מיט׳ן באַראָן האָראַץ גינצבורג, וועלכער איז געשטאַנען אָן דער שפיץ פון די, וואָס פלעגען זיך משתדל זיין ביי דער רוסישער רעגירונג, צו אַרויסבעקומען ביי איהר עפּעס אַ הנחה,

אַ פערלייכטערונג פאַר די פערפאָלגטע און געדריקטע יודען. ער איז אויך געקומען אין ענגער פערבינדונג מיט אַלע בעוואוס־טע יודישע כלל־טהוער אין פעטערבורג, ווי אַדוואָקאַט ווינאַווער, בראַמסאָהן אד"ג און פלעגט בעזוכען זייערע אינטימע בעראַטונ־גען און זיי מיטגעהאָלפען אין דער השתדלות פאַר די יודישע רעכט.

ווען באַראָן גינצבורג האָט געגרינדעט דעם אַזוי גערופע־נעם „ענגען קאָמיטעט", איז ר' לייבוש דאַווידזאָהן געווען דער איינציגער פון וואַרשא, וואָס איז איינגעלאַדען געוואָרען צו אַריינטרעטען אין דעם דאָזיגען קאָמיטעט. די אויפגאַבע פון דעם „ענגען קאָמיטעט" איז געווען, צו שטעהען אויף דער וואַך און פערהיטען פאַר נייע גזירות אויף יודען. באַלד ווי באַראָן גינצ־בורג האָט זיך דערוואוסט דורך זיינע קריסטליכע גוטע פריינד, אַז עפּעס אַ מיניסטער גרייט זיך צו אַריינטראָגען אין מיניסטאָ־רען־ראַט אָדער אינ'ם מלוכה־ראַט („גאָסודאַרסטוועני סאָוויעט") עפּעס אַ געזעץ־פּראָיעקט מיט אַ נייער בעגרענצונג קעגען יודען, האָט דער באַראָן מודיע געווען זיינע פערטרויאונגס־מענשען דורך טעלעגראַמעס, אַז זיי זאָלען תיכף ומיד קומען קיין פעטערבורג. דאָרט האָט מען זיך בעראַטען וועגען די מיטלען, וואָס מען מוז אָננעהמען: צי שיקען אַ דעלעגאַציע צום בעטרעפענדען מיניסטער, אָדער ווירקען אויף איהם מיט אַנדערע מיטלען. גאַנץ אָפט פלעגט ר' לייבוש בעקומען אַזאָלכע אַליאַרמירענדע טעלעגראַמעס און פלעגט איילען צו פאָהרען אויף די בעראַטונגען. איהם איז אויך גאַנץ אָפט פאָרגעקומען צו זיין איינער פון די דעלעגאַטען, וואָס זענען געגאַנגען צו די גרויסע מאַכטהאָבער פון רוסלאַנד און געווען די מליצי יושר פאַר'ן כלל ישראל.

אַזוי, למשל, איז ר' לייבוש צוזאַמען מיט'ן באַראָן גינצבורג געגאַנגען, נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, צום אַלמעכטיגען אי־נערן־מיניסטער פּלעווע, צו ווירקען אויף איהם, אַז די רעגי־

די קאטאוויצער אספה פון „חובבי ציון“.

ר׳ לייבוש דאווידזאהן *

רונג זאָל ענדערן איהר פּאָליטיק לגבי די יודען, ווייל דורך די גזרות און בעגרענצונגען בעקומט דאָס פאָלק דעם איינדרוק, דאָס די יודען זענען הפקר און מען מעג זיי אויסשעכטען און אַוועק־רויבען זייער פערמעגען, און דאָס קאָן דאָך געוויס נישט זיין די אויפגאַבע פון אַזאַ מעכטיגע מלוכה ווי רוסלאַנד.

ר׳ לייבוש האָט דערנאָך דערצעהלט דעם אינהאַלט פון דעם געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דער דעלעגאַציע און דעם מיניסטער פּלעווע אויף דער דערמאָנטער אוידיענץ. ווען דער באַראָן האָט געשילדערט אין קורצע אָבער ריהרענדע ווער־טער דעם טרויעריגען מצב פון יודען, און געזאָגט פּלעווען, אַז דער יודישער צושטאַנד איז אונערטרעגליך, האָט ער געענטפערט: ווירקט אויף אייער יוגענד, זי זאָל נישט זיין רעוואָלוציאָנער, וועט איהר בעקומען הנחות. דערויף האָט דער באַראָן געזאָגט: מיר קאָנען נישט ווירקען אויף אונזער יוגענד—ווייל איך קאָן דעם יונגען מאַן נישט געבען צו פערשטעהן, פאַר וואָס ער, אַ „קאַנדידאַט פון רעכט״ („קאַנדידאַט פּראַוו״) האָט נישט קיין רעכט אין רוסלאַנד. דאַן האָט דער באַראָן אָנגעוויזען, אַז דער עלטערער דור איז דאָך געווען גאַנץ לאָיאַל, זיך נישט אָבגעגע־בען מיט רעוואָלוציע, און דאָך האָט דאָס נישט געברענגט קיין שום הנחות פאַר יודען, נאָר פערקעהרט, מיטעלאַלטערליכע גזרות—אפשר וועט דער יונגער דור מיט אַנדערע וועגען אויסקעמפען מענשליכע רעכט פאַר זיך. דאַווידזאָהן האָט דערצו נאָך צוגעגע־בען: „מיר האָבען נישט קיין לשון צו רעדען מיט אונזער יוגענד, ווייל זי איז דאָך געקרעכט מיט דער אונצופרידענהייט פון אַזאַל־כעס, וואָס איז יעצט פאָרגעקומען אין קישינעוו״. — פּלעווע האָט דערויף בעמערקט: יודען איז היינט פיל בעסער ווי אַמאָל, אַלס בעוויז קאָן דינען דער פאַקט, וואָס אַמאָל פּלעגען זיי געהן צו אַ מיניסטער דורך דער הינטער־טהיר און היינט רעדט איהר מיט מיר ווי גלייכע מענשען.

פּלעווע האָט דאַן נאָך געזאָגט, אַז די יודישע רעכטליכע לאַגע קאָן נישט געענדערט ווערען מיט אַ מאָל, נאָר ביסלעכווייז, און ער וועט אין דער ריכטונג ווירקען.

דער רעזולטאַט פון דער אוידיענץ איז דאַן געווען, אַז פּלעווע האָט דערנאָך אַרויסגעגעבען זיין בעוואוסטען צירקוליאַר, וועלכער האָט ערלויבט יודען צו בעזעצען זיך אין 103 שטעדט־לעך אָדער „פּאָסאַדען", וואו פריהער איז זיי געווען פערבאָטען צו וואוינען...

מען בעדאַרף בעמערקען, אַז אַלע הוצאות פונ'ם „ענגען קאָמיטעט", אויף די נסיעות און אויף אַנדערע אויסגאַבען, וועל־כע זיינען מאַנכע מאָל געווען גאַנץ גרויסע, האָבען די מיטגלידער פונ'ם קאָמיטעט געגעבען פון זייער אייגענער טאַש, און גאַנץ אָפט האָט אַזאַ רייזע קיין פּעטערבורג געקאָסט דאַווידזאָהנען פיל טויזענדער...

ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען די פּריוואַט־בעוועגונג (דער אַזוי גערופענער „פריהלינג") האָבען די יודישע עסקנים אין פּעטערבורג אויפגעגעבען דעם פּראָיעקט, צו גרינדען אַ „פערבאַנד אויף דערגרייכען פולבערעכטיגונג פאַר'ן יודישען פאָלק אין רוסלאַנד". דער פּלאַן האָט געפונען פיל אָנ־הענגער, און פון 25־טען ביז'ן 27־טען מערץ 1905 איז אין ווילנא פאָרגעקומען די גרינדונגס־פערזאַמלונג פון דעם דאָזיגען „פער־באַנד". עס זיינען געקומען 67 יודישע כלל־טוערס פון 32 שטעדט. פון וואַרשא איז אויף דער פערזאַמלונג געקומען ר' לייבוש דאַ־ווידזאָהן. עס איז דאַן אויסגעאַרבייט געוואָרען דער פּראָגראַם פונ'ם „פערבאַנד" און געוועהלט געוואָרען אַנ'עקזעקוטיוו, מיט'ן זיץ אין פּעטערבורג. דער „פערבאַנד" האָט קודם כל זיך בעשעפ־טיגט מיט געבען יורידישע הילף די געליטענע פון די פּאָגראָמען, וואָס האָבען אויסגעבראָכען נאָכ'ן מאַניפעסט דעם 17־טען אָקטאָ־בער 1905 אין צעהנדליגער שטעדט אין רוסלאַנד. דאַן האָט דער

„פערבאַנד" מיטגעהאָלפען, דורכפיהרען צווישען די יודען די וואַהלען אין דער ערשטער „דומע". ער האָט אַרומגעשיקט יונגע יוריסטען אין די שטעדט פונ׳ם „תחום" צו בעקענען די יודישע בעפעלקערונג מיט דער טעכניק פון די וואַהלען. אַלס אַ מיטגליד פונ׳ם „פערבאַנד" האָט ר׳ לייבוש אָבגעגעבען פיל צייט און מיה ביי דער דורכפיהרונג פון די דומאַ־וואַהלען אין וואַרשא *).

אַ וויכטיגע עפּאָכע אין ר׳ לייבוש דאַווידזאָהנס כלל־טעטיג־קייט איז געווען די צייט, ווען ער איז, אַלס געוועהלטער דאָ־זאָר, אַריינגעטראָטען אין דער פערוואַלטונג פון דער יודישער גמינע אין וואַרשא, און כמעט צוויי צעהנדליג יאָהרען געווען דער וויכטיגסטער, און אָפט דער איינאונאיינציגער אָנפיהרער פון דער גאַנצער קהלה.

קרוב צו אַ יובל יאָהרען איז די פערוואַלטונג פון דער וואַרשאווער גמינע געווען אין די הענד פון אַסימיליאַטאָרען און איינציגע רייכע חסידים, וועלכע האָבען געהאַט אַ קליינע דעה. די אַסימיליאַטאָרען האָבען איבערגעגעבען אין זייער רשות די השגחה איבער די חדרים, תלמוד־תורה׳ס און בתי־מדרשים, און איבער די אַלע אַנדערע ענינים פון דער קהלה זענען זיי, די אַסימיליאַטאָרען, געווען די אַליינהערשער, און האָבען זיי געפיהרט אין זייער אַסימיליאַטאָרישען גייסט. מען האָט פון קהל־שטוב און פון אַלע קהלשע אינסטיטוציעס אַרויסגעיאָגט די יודישע שפּראַך מיט׳ן יודישען גייסט, און איינגעפיהרט אַ פרעמדע שפּראַך מיט אַ פרעמדען גייסט לויט דעם הויכען וואַהל־צענז, איז גאָר אונ־מעגליך געווען, אַז אין דער גמינע־פערוואַלטונג זאָל זיך אַריינ־בעקומען אַ דעמאָקראַטישער עלעמענט, ווייל וואַהל־רעכט האָבען דאַמאָלס געהאַט נאָר די ר י כ ע, וועלכע האָבען געצאָהלט עטאַט

---

*) דער „פערבאַנד" האָט געהאַט נאָך 2 צוזאַמענפאָהרען אין פעטערבורג, און האָט עקזיסטירט ביז מאַי 1907.

נישט ווענינער ווי 15 רובל אַ יאָהר. קיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע יודען, אַפילו רייכע, זענען אין דער קהלה־פערוואַלטונג נישט צוגעלאָזען געוואָרען; דען עס האָט געהערשט דער פערשימעלטער געזעץ פון „פלעניפאָטענציעס״ (בעפאָלמעכטיגונגען), און די גרויסע אַסימי־ליאַטאָרישע באַנקירען און גרויסע אינדוסטריעלער פלעגען ביי זייערע קונדען נעהמען די בעפאָלמעכטיגונגען אויף זייערע שטי־מען, דערפאַר האָבען זיי זיי געגעבען קרעדיט.

פאַר די גמינע־וואַהלען אין יאָהר 1903, ווען דער ציוניזם האָט שוין געהאַט אין ווארשא פיל אָנהענגער, האָבען די נאַציאָ־נאַליסטען געפרובט דורכפיהרען אין דער גמינע ר׳ לייבוש דאַ־ווידזאָהן מיט ר׳ נחום סאָקאָלאָוו. עס איז דאַן געפיהרט געוואָרען פאַר זיי אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אין דער פרעסע און אויף פער־זאַמלונגען. אָבער די אַסימיליאַטאָרען זענען נאָך דאַמאָלס געווען גענוג שטאַרק און די דערמאָנטע צוויי נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטען זענען דורכגעפאַלען. ערשט צו די וואַהלען אין יאָהר 1906 איז געלונגען די ציוניסטען צו מאַכען אַ דורכברוך אין דער אַסימי־ליאַטאָרישער מויער, אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבען דאַן אָבגעריסען פון די אַסימיליאַטאָרען זייערע ביזהעריגע פערבינדעטע חסידים. דאַמאָלס איז ר׳ לייבוש אַריינגעטראָטען אין דער גמינע אַלס דאָזאָר, און דאָ האָט ער געפונען אַ גרויס פעלד פאַר זיין טעטיגקייט אין דעם עכט יודישען גייסט, פיהרענדיג אַ קאַמף מיט די אַסימיליאַטאָרען און נישט דערלאָזענדיג זיי מעהר צו הערשען אונבעגרענעצט אין דער גמינע.

זיין אונגעוועהנליכע ענערגיע און ארבייטס־לוסט, זיין קלוג־שאַפט און פעסטער ווילען צו דורכפיהרען דאָס, וואָס ער געפינט אַלס נויטיג און נוצליך, האָבען מיט דער צייט געברענגט דערצו, אַז ער האָט איבערגענומען די וויכטיגסטע אַרבייטען אין דער גמינע־פער־וואַלטונג, און וואָס לענגער ער איז געווען דאָזאָר, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען זיין איינפלוס און אַלץ גרעסער איז געוואָרען דער קרייז

פון זיין טעטיגקייט, זיין זאָרג פאַר די קהלה-אָנגעלעגענהייטען, נישט אויפהערענדיג דערביי צו טהון אויך פאַר׳ן כלל יודען. ווען, למשל, אין דער רוסישער דומע איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ געזעץ-פּראָיעקט, צו איינפיהרען אין דער גאַנצער רוסישער מלוכה אַ צוואַנג - זונטאָג-רוהע און עס איז פאָרגעשטאַנען אַ סכנה, אַז דער דאָזיגער פּראָיעקט זאָל אָנגענומען ווערען, איז ר׳ לייבוש געפאָהרען קיין פעטערבורג און דאָרט אויסגענוצט זיין גאַנצען איינפלוס און זיין בעקאַנטשאַפט מיט אייניגע בעוואוסטע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען דאַמאָלס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינ׳ם פּאָליטישען לעבען, און אַ דאַנק זיין השתדלות איז טאַקי דער פּראָיעקט אַראָבגענומען געוואָרען פון דער טאָג-אָרדנונג.

אין יאָהר 1909, ווען עס איז געוואָרען 25 יאָהר צייט דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, זענען זיך (דעם 23 מרחשוון) צוזאַמענגעפאָהרען קיין קאַטאָוויץ די נאָך לעבעדיגע מיטגלידער פון יענער קאָנפערענץ. זייער צאָהל איז שוין געווען אַ גאַנץ קליינע, איינער פון זיי איז געווען ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן. די פערזאַמעלטע „שרידים יחידים" האָבען זיך געקושט ווי ברידער, האָבען דעם יובילעאום געפייערט מיט ערינערונגען פון אַלץ וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט, און מיט׳ן באַלאַנס פון זייערע מעשים אין משך פון די דאָזיגע 25 יאָהר, און זיך געגעבען אַ שבועה, צו ווידמען אויך די רעשט פון זייערע יאָהרען דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און לטובת הכלל.

אין יאָהר 1911 איז ר׳ לייבוש געפאָהרען צום צווייטען מאָל קיין ארץ ישראל, צו בעזוכען די קאָלאָניע „רחובות". אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבען אַלע זיינע קינדער, איז געווען גענוג רייך, און ער האָט בעשלאָסען, איינאָרדנען זיין נחלה אין רחובות, און דאַן ליקווידירען אַלע זיינע געשעפטען און אַרויספאָהרען קיין ארץ ישראל. זיין פּלאַן האָט ער אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו פערווירקליכען, אָבער די וועלט-

מלחמה, וואָס איז דערוויילן אויסגעבראָכען, האָט צושטערט זיין בעשלוס און איהם געצוואונגען, צו פערבלייבען אין וואַרשא.

אין יאָהר 1912, בעת בייליסעס פּראָצעס אין קיעוו, האָבען די בעשולדיגער גע'טענה'ט, אַז אין אַן'אַלטער אַמסטערדאַמער גמרא ווערט בפירוש געזאָגט, דאָס יודען געברויכען קריסטליך בלוט. די פערטיידיגונג האָט דאַרום אָנגעהויבען זוכען דעם אַמ־סטערדאמער אַלטען ש"ס, אָבער אין ערגעץ נישט געקאָנט געפי־נען. ווען ר' לייבוש האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, און ביי איהם האָט זיך געפונען אַזאַ ש"ס, וועלכען ער האָט בעקומען בירושה נאָך פון זיין עלטער־זיידען, ר' חיים דאַווידזאָהן, האָט ער באַלד געגומען אַ ספּעציעלען מענש און געשיקט דורך איהם דעם גאַנצען ש"ס קיין קיעוו. אַדוואָקאַט זאַרודני האָט זיך דאַ־מאָלס טאַקי בענוצט מיט דעם דאָזיגען זעלטענעם ש"ס ביים פערטיידיגען דעם אָנגעקלאָגטען בייליס.

ר' לייבוש האָט זיך בעטייליגט אין גרינדען פיל פילאַנטראָ־פּישע געזעלשאַפטען און נוצליכע אינסטיטוציעס אין וואַרשא, און איז געווען אַ מיטגליד אין זייערע פערוואַלטונגען. אינ'ם יו־דישען קינדער־שפּיטאַל אויף שליסקאַ גאַס האָט ער אויסגעבויט אויף זיין אייגענער רעכנונג אַ ספּעציעלע אָבטיילונג פאַר אויגען־קראַנקע. זיין זוהן, ד"ר נח דאַווידזאָהן, איז עד היום אָרדינאַטאָר אין יענער אָבטיילונג, אָהן געצאָהלט.

אַלס שטריך צו ר' לייבושעס כאַראַקטעריסטיק איז אויך ווערט צו דערמאַנען, אַז נישט קוקענדיג אויף זיין אונגעהויערע בעשעפטיגונג אין זיינע פריוואַטע גרויסע עסקים און אין כלל־ענינים, האָט ער נישט פערפעהלט קיין איין טאָג צו לערנען פאַר זיך אַ שעור גמרא. יאָהרען־לאַנג האָט ער געלערנט מיט אַן'עולם אַ שעור אין חברה ש"ס אויף טוואַרדא גאַס. ווען ער איז דער־נאָך געוואָרען פון די שטענדיגע מתפללים אין דער ניי־אויסגע־בויטער נאָזיקס שול, אויף טוואַרדא 6 (די שול האָט מיט איהר

שענקייט און אָרדנונג בנטשפּראָכען זיין עסטעטישען ג׳ פיהל), און איז געוואָרען אַ מיטגליד פונ׳ם שול־קאָמיטעט, פלעגט ער גאַנץ אָפט האַלטען דאָרט געלעגענהייטס־דרשות, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזען גרויס חריפות און בקיאות אין תלמוד און אין דער גאַנצער רבנישער און יודיש־וויסענשאַפטליכער ליטעראַטור, דערביי האָט ער דערוועקט דעם נאַציאָנאַלען געפיהל, די ליבע צו העברעאיש, דעם שטאָלץ מיט׳ן יודענטום און דעם חשק צו אַרבייטען יעדער לויט זיינע כחות פאַר טובת־הכלל. בעזונדערס פלעגט ער אין זיינע דרשות, ווי אין זיינע פּריוואַט־געשפּרעכען, בעקעמפען די אַסימילִיאַציע און אָנווייזען אויף איהר שעדליכקייט.

אַ בעזונדער אָנשטרענגונג פון זיין אונגעוועהנליכער ענערגיע און טעטיגקייט האָט ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן אַרויסגעוויזען, ווען ס׳איז אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה, וועלכע האָט געבראַכט אַזוי פיל עלענד פאַר די יודען וואָס האָבען זיך געפונען אין מלחמה־ראַיאָן און אַרויפגעלעגט אויף די יודישע פאָרשטעהער שווערע לאַסטען, צו זאָרגען פאַר די אומגליקליכע און פערלייכטער׳ן ווי ווייט מעגליך זייער עלענד. דאַווידזאָהן האָט דאַן אָבגעשניטען פון אַלע זיינע געשעפטען און זיך מיט׳ן גאַנצען ברען איבערגעגעבען דער רעטונגס־אַקציע.

באַלד נאָכ׳ן אויסברוך פון דער מלחמה האָבען אָנגעהויבען ציהען קיין וואַרשא טויזענדער מענשען, וועלכע זענען ענטלאָפען פון די קאַמף־ערטער; זיי זענען געקומען אָהן זאַכען, אָהן געלד, ענטלויפענדיג אין גרויס בהלה פאַר׳ן טויט. עס זענען אויך אָנגעקומען מאַסען אַרויסגעטריבענע, לויט דעם בעפעהל פון דעם רוסישען הויפּט־קאָמאַנדיר, דעם צאַר׳ס פעטער, דער צורר־היהודים ניקאָלִיי ניקאָלייעוויטש, וועלכער האָט בעפוילען צו אַרויסטרייבען אַלע יודען פון דער גאַנצער געגענד אַרום דעם פראָנט.

אָט די אַלע ענטלאָפענע און אַרויסגעטריבענע האָבען

מחנות-ווייז זיך געצויגען צו דער גמינע אויף גרזיבאָווסקא גאַס, האָבען מיט זייערע אַלטע-לייט, קראַנקע, און קליינע קינדער פערפולט דעם גרויסען הויף פון דער גמינע-געביידע און די גאַס דרויסען. מען האָט געמוזט זעהען אויף שנעל זיי פערזאָרגען מיט עסען און מיט אַנ'אָרט, וואו צו אַוועקלעגען דעם קאָפּ. דאַן האָט דאַווידזאָהן מיט נאָך אייניגע געצעהלטע עסקנים ענטוויקעלט אַ שנעלע אַקציע, צו געבען הילף די אונגליקליכע. ער איז געווען דער איניציאַטאָר צו גרינדען די ספּעציעלע געזעלשאַפט „צו העלפען די קרבנות פון דער מלחמה", וועלכע האָט אַזוי פיל אויפגעטהון פאַר די היימלאָזע, האָט זיי פערזאָרגט מיט וואוינונגען, מיט אויסהאַלטונג; האָט בעזאָרגט די יתומים אד"ג.

ר' לייבוש איז אויך געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון די עסקנים, וועלכע האָבען פערזאָרגט די פערוואונדעטע און קראַנקע סאָלדאַטען מיט שפּיטאָלען. ער איז געווען דער הויפּט-גרינדער פונ'ם יודישען קאָמיטעט פון רויטען קרייץ, האָט געשאַפען אַ גאַנצע רייהע סאַניטאַרע איינריכטונגען א. אַז. וו. עס זענען דאַן געעפענט געוואָרען ספּעציעלע שפּיטאָלען פאַר די פערוואונדעטע, וואָס מען האָט געבראַכט פונ'ם רוסישען פראָנט (אַזאַ שפּיטאָל, ספּעציעל פאַר געליטענע דורך פערגיפטענדע גאַזען, איז דאַן דורך דער יודישער קאָמיסיע געעפענט געוואָרען אויף מלאַווסקא גאַס. ה' דוד פשעוואָרסקי האָט דאַן אויך אָבגעגעבען פאַר אַ שפּיטאָל זיין „האָטעל רזימסקי"). ר' לייבוש דאַווידזאָהן פלעגט אַלע טאָג פאָהרען — און אום שבת געהן צופוס — צו דער באַהן, צוגעזעהען דאָס אָנקומען פון די סאַניטאַרע וואַגאָנען מיט די פערוואונדעטע און געזאָרגט מען זאָל זיי אָפּפיהרען אין די שפּיטאָלען.

ווי מיר אַלע געדענקען, האָט זיך נאָכ'ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה פערשטאַרקט די שנאה צו יודען אויף אַ שרעקליכען אופן. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען מסירות, אַז די

יודען פערנעהמען זיך מיט שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשען, גיבען זיי איבער סודות פון דער רוסישער אַרמעע דורך ספּעציעלע סיג־נאַלען, דורך טעלעגראַף אָהן דראָט וכדומה; זיי שיקען אַריבער גאָלד אין אַרונות פּאַר מתים און נאָך אַזעלכע ווילדע בלבולים, וועלכע האָבען געברענגט צו אונמענשליכע, אכזריותדיגע רדיפות אויף יודען מצד דעם בלוטדורשטיגען גרויס־פירשט ניקאָליי ני־קאָלייעוויטש. פיל אונשולדיגע יודען זענען דאַן געהאָנגען און דערשאָסען געוואָרען. די גרושים און פערפאָלגונגען האָבען אָנ־גענומען אַ שרעקליכען כאַראַקטער, און עס איז גאָר קיין עצה נישט געווען, ווי אַזוי זיך בעקומען צום גרויספירשט און וויר־קען אויף איהם, ער זאָל אָבשטעלען די מורא׳דיגע רדיפות.

איינמאָל איז געקומען ר׳ אברהם פּאָדלישעווסקי צו דאַוויד־זאָהנען און איהם דערצעהלט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס אין דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע אויף׳ן פּאָדוואַל געפינט זיך אַ פּראַוואָסלאַוונער גלח, וועלכער איז בעפריינדעט מיט׳ן אַרכיעפּיס־קאָפּ ניקאָליי, וועלכער זיצט אין דער „סטאַווקע" (די רוסישע הויפּט־קוואַרטיר) און האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דעם גרויספירשט.

ר׳ לייבוש איז באַלד, צוזאַמען מיט ה׳ פּאָדלישעווסקין, אַוועקגעגאַנגען צום גלח, און נאָך פיל בקשות האָבען זיי אויף איהם געווירקט, אַז ער זאָל זיי מודיע זיין, ווען דער אַרכיעפּיס־קאָפּ וועט קומען קיין וואַרשא און זאָל ביי איהם פּועל׳ן, ער זאָל אויפנעהמען אַ דעפּוטאַציע פון דער יודישער גמינע. דער גלח האָט אויך געהאַלטען וואָרט און אין אַ געוויסער צייט דערנאָך האָט ער מודיע געווען אין דער גמינע, אַז דער אַרכיעפּיסקאָפּ ני־קאָליי איז געקומען און איז גרייט אָנצונעהמען אַ יודישע דעפּו־טאַציע. אָבער קיינער פון די דאָזאָרעס האָט נישט געוואָלט געהן צום הויכען פּראַוואָסלאַוונעם גייסטליכען, מורא האָבענדיג פּאַר דער פּוילישער געזעלשאַפטליכער מיינונג און אויך פאַר דער רו־

סישער מאַכט, וועלכע וועט דערנאָך זאָגען, אַז מען געהט זי פערקלאָגען פאַר דער גייסטליכקייט. בלויז ר׳ לייבוש האָט קיין מורא נישט געהאַט, האָט אָנגעשריבען אין נאָמען פון דער גמינע אַ אויספיהרליכען מעמאָריאַל, און ווידער מיטגעהמענדיג דעם ה׳ פאָדלישעווסקי איז ער אַוועק צום אַרכיעפיסקאָפּ.

נאָך דער פאָרשטעלונג און בעגריסונג האָט ה׳ פאָדלישעווסקי אָנגעהויבען לעזען דעם מעמאָריאַל, און די גאַנצע צייט פונ׳ם לעזען, האָט דער אַרכיעפיסקאָפּ נישט אַראָפּגענומען די אויגען פון דאַווידזאָהנען, וועלכער האָט געמאַכט אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק מיט זיין אויסערליכען אויסזעהן, דער גרויסער גרויער באָרד, די קלוגע אויגען און די גאַנצע בכבודיגע שטעלונג. ווען ה׳ פאָדלישעווסקי האָט געענדיגט דאָס לעזען, האָט ר׳ לייבוש געזאָגט:

— אייער הייליגקייט! געוויס האָב איך נישט קיין בעווייזען, צו איבערצייגען אייך אין אונזער אונשולדיגקייט. קיין אונשולדיגער קאָן נישט איבערצייגען, אַז ער איז אונשולדיג. אָבער ווי איהר זעהט, בין איך אַן׳אַלטער מאַן, וואָס שטעהט שוין נישט ווייט פון קבר, און בין זעהר אַ פרומער, וועלכער דאַווענט און לעגט תפילין יעדען טאָג, און איך שווער אייך ביי מיין הייליגער תורה, ביי משה רבינו, ביי אַלע נביאים, אַז די אַלע בלבולים זענען שקר וכזב!

דערביי האָט ר׳ לייבוש זיך צעוויינט. דער אַרכיעפיסקאָפּ האָט איהם אָנגעהויבען בערוהיגען, האָט איהם צוגעטראָגען אַ שטוהל זיך אַוועקזעצען, און האָט זיך אָנגערופען:

„איהר האָט מיך איבערצייגט. איך בעדאַרף מעהר קיין שום בעווייזען נישט, און מיין איבערצייגונג וועל איך איבערגעבען דעם הויפּט־קאָמאַנדיר. איך האָף, אַז די רדיפות אויף יודען וועלען אויפהערען. איך פאָהר באַלד אַוועק אין דער „סטאַווקע״ און צוריקקומענדיג וועל איך אייך מודיע זיין״.

און ווירקליך האָט ער נאָך צוויי וואָכען געשיקט רופען צו זיך דאַווידזאָהנען און פאָדלישעווסקין און זיי געזאָגט:

„איך האָב דערצעהלט דעם הויפט-קאָמאַנדיר אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט, און איך האָב איהם געשוואָרען מיט דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע, אַז די אַלע בלבולים זענען פאַלש, און דער הויפט-קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבען אַ צירקוליאַר, מען זאָל אויפהערען פערפאָלגען סתם יודען". *)

און באמת איז צייט דאַמאָלס אַביסעל אָבגעשוואַכט געוואָרען די אונערהערטע מערטיראָלאָגיע פון די יודען דורכ'ן רוסישען מיליטער.

דורך דער מלחמה איז שטאַרק פערקלענערט געוואָרען די צאָהל דאָזאָרעס פון וואַרשאווער גמינע. אַ טייל האָבען זיך בשעת'ן אויסברוך פון דער מלחמה געפונען אין אויסלאַנד און זענען שוין דאָרט פערבליבען און נישט צוריקגעקומען. אַ טייל ווידער זענען דערנאָך, ווען די דייטשען זענען צוגעקומען נאָהענט צו וואַרשא — אַוועק קיין רוסלאַנד. נאָך אייניגע זענען אויסגעשטאָרבען. פון די 15 דאָזאָרעס זענען געבליבען קוים עטליכע, אויף וועלכע עס איז געפאַלען די גאַנצע לאַסט; אָבער זיי זענען נישט געווען ביכולת, די דאָזיגע לאַסט צו טראָגען. עס האָט זיי געפעהלט די נויטיגע צייט, דער כח, דער חשק און די ענערגיע דערצו. ר' לייבוש דאַווידזאָהן איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט דאָס אַלעס פערמאָגט: אָבזאָגענדיג זיך פון אַלע פריוואַטע געשעפטען, האָט ער זיין גאַנצע צייט איבערגעגעבען דער אַלגעמיינער אַרבייט; חשק האָט איהם נישט געפעהלט, ענערגיע האָט ער פערמאָגט ווי נישט קיין אַנדערער, און מידקייט האָט ער קיינמאָל נישט געפיהלט. ער איז אַלזאָ געוואָרען דער

*) די דאָזיגע וועניג-בעקאַנטע געשיכטע איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען ווערטליך דורך ה' אברהם פאָדלישעווסקי.

הויפט-טהוער פאַר דער גמינע און האָט געאַרבייט פאַר איהר טעג און נעכט.

עס איז אונמעגליך אויסצורעכנען אויספיהרליך אַלץ, וואָס ר' לייבוש דאַווידזאָהן האָט אין די יאָהרען פון דער מלחמה אויפגעטהון פאַר די היימלאָזע און פאַר דער גאַנצער וואַרשאווער יודישער בעפעלקערונג. מיר וועלען נאָר דערמאָנען איינינע וויכ־טיגסטע פאַקטען.

אין יאָהר 1915, ווען די מלחמה האָט געווילדעוועט אין פוילען, איז פאַר דער יודישער בעפעלקערונג פון גרויס-וואַרשא פאָרגעשטאַנען די געפאַהר, צו פערבלייבען אָהן מצה, ווייל עס האָט פערפעהלט מעהל, און ברענגען מיט דער באַהן פון רוסלאַנד איז נאָר געווען ערלויבט פאַר'ן געברויך פון מיליטער. דאַן האָט ר' לייבוש בעשטעלט גרויסע טראַנספאָרטען פסח'דיג מעהל אין רוסלאַנד און דורך גרויס השתדלות און פיל מיה אַרויסבעקומען פאַר דער גמינע אַ „נאַריאַד", ד"ה אַז דאָס מעהל ווערט געפיהרט פאַר'ן מיליטער. און אַזוי איז די יודישע בעפעלקערונג אין וואַר־שא און פיל אַנדערע שטעדט דורך איהם פערזאָרגט געוואָרען מיט מצות אויף פסח.

ווען די דייטשען האָבען פערנומען וואַרשא איז די אַפּראָ־וויזאַציע געוואָרען איינע פון די ברענענדסטע פראַגען. די אַלע בעסטע פּראָדוקטען האָבען די דייטשען אַרויסגעפיהרט און צוגע־נומען פאַר זיך, און פאַר דער בעפעלקערונג האָבען זיי איבער־געלאָזט דאָס ערגסטע, און אויך דאָס אין אַ גאַנץ ווענינע מאָס, אויסגעטיילט געגען אַזויגערופענע „באָנעס". דאָס בעזאָרגען די יודען מיט ווייצענמעהל אויף פסח איז געווען איינע פון די שווערסטע זאַכען, ווייל דאָס גאַנצע ווייץ האָבען די דייטשען אַרויסגעפיהרט. ר' לייבוש האָט דאַן נישט גערוהט, ביז ער האָט אויסגעווירקט ביי די דייטשען, צו געבען ווייץ פאַר יודען.

אין יאָהר 1917 (א' ניסן תרע"ז) איז געשטאַרבען

ר׳ לייבושעס פרוי. דער טויט פון דער געליבטער פרוי איז פאַר איהם געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ. אָבער זיין אַרבייט אין דער גמינע און פאַר דער גאַנצער קהלה האָט איהם נישט דערלאָזט, צו איבערגעבען זיך דעם טרויער און פערצווייפלונג נאָך זיין שווערען פערלוסט. טאָג און נאַכט איז ער געווען בעשעפטיגט מיט קהל-זאַכען און דאָס האָט איהם געשאַפט טרייסט, הגם ס׳איז נישט אַוועק איין טאָג, וואָס ער זאָל זי נישט דערמאָנען, קו-מענדיג אַהיים און אַרומדרעהענדיג זיך איינער אַליין אין די צימערען.

אין יענעם ווינטער האָט מען שוין בעצייטענס געמוזט אָנ-הויבען זאָרגען, צו בעקומען מעהל אויף פסח, ווייל די דייטשען האָבען געמאַכט פערשידענע שוועריגקייטען. עס איז דאַן געגרינ-דעט געוואָרען ביי דער גמינע אַ ספּעציעלע מצה-קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַריין: ר׳ אלעזר פּריוועס, מ. גראָדזענסקי, ר׳ ישעיה ראָזענבוים, ר׳ אהרן פיינגאָלד און דאַווידזאָהן, וועל-כער איז געווען דער הויפּט-אָנפיהרער פון דער קאָמיסיע. מען האָט אויסגעווירקט ביי די דייטשען, זיי זאָלען ערלויבען ברענ-גען מעהל. ר׳ לייבוש איז זעלבסט געפאָהרען קיין דאַנציג און געברענגט דעם טראַנספּאָרט מעהל. פאַר די יודען זענען דאַן דורך דער גמינע אַרויסגעגעבען געוואָרען ספּעציעלע מצה-באָנעס, וועלכע זי האָט זיך פערפליכטעט נאָך פסח צושטעלען דער מאַכט. דאָס באַקען די מצה איז פאָרגעקומען אונטער דער קאָנ-טראָל פון דער גמינע ביי 100 בעקער, און עס זענען בעשטימט געוואָרען 100 קאָנטראָלערען. דאָס אַלעס איז געווען אונטער דאַ-ווידזאָהנס פערזענליכער אויפזיכט. יעדען טאָג, ווען עס איז גע-ענדיגט געוואָרען די אַרבייט אין די בעקערייען, זענען די קאָנ-טראָלערען געקומען צו איהם אַהיים, אָבגעבען איהם חשבון. ער פלעגט דערויף בעשעפטיגט זיין ביז 3 אַ זייגער ביינאַכט, און אויף מאָרגען פריה, זייגער האַלב 9, האָט מען איהם שוין ווי-

דער געזעהען אין דער גמינע אַרבייטען, שרייבען, לויפען, אַרויסגעבבען בעפעהלען, און וועלען זיין אַ מוסטער פאַר אַלעמען מיט זיין פינקטליכקייט און פלייסיגקייט.

ער האָט אויך פערזאָרגט די יודישע בעפעלקערונג מיט צוקער אויף פסח, און דאָס איז דאַמאָלס געוועזן איינע פון די שווערסטע זאַכען. זיין בעמיהונג איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ער האָט אַפילו בעזאָרגט די פרומע מיט מצה שמורה.

אין יאָהר 1918 האָבען די דייטשען שוין נישט געוואָלט געבען די וואַרשאווער יודען ווייץ אויף פסח, סיידען זיי וועלען דערפאַר בעצאָהלען מיט גאָלד. אין דער גמינע זענען וועגען דעם פאָרגעקומען פיל בעראַטונגען פון די רבנים מיט די אָנגעזע-העהנסטע בעלי-בתים. מען האָט אָנגעווענדעט אַלע אָנשטרענגונגען, צו ווירקען אויף די דייטשען, אַז זיי זאָלען וויכער ווערען און נעהמען מאַרקען. אָבער זיי האָבען זיך איינגע'עקשנ'ט און נישט געוואָלט נאָכגעבען. דאַן האָבען שוין אייניגע פון די וואַרשאווער „פני" מסכים געווען, צו נאָכגעבען די פאָדערונג פון די דייטשען און קויפען ביי זיי פאַר גאָלד נאָר אַ ביסעל ווייץ, כדי יוצא זיין די מצוה פון עסען כאָטש אַ כזית מצה און דאָס איבריגע בענוצען קאַרטאָפעל. אָבער ר' לייבוש דאַווידזאָהן האָט באין אופן נישט געוואָלט נאָכגעבען, טענה'נדיג, אַז מען טאָר נישט ווייזען די דייטשען אַ וועג, דען דאַן וועלען זיי פאָדערען גאָלד ביי אַלע יודען אין די אָקופירטע לענדער. די פערזאַמעלטע האָ-בען איינגעזעהן, אַז ער האָט רעכט און ס'איז בעשלאָסען געוואָ-רען, זיך איינגאַנצען אָבזאָגען פון ווייצען-מעהל. דער סוף איז געווען, אַז די דייטשען האָבען נאָכגעגעבען, זעהענדיג אַז זיי פיהרען גאָר נישט אויס, און האָבען גענומען מאַרקען...

אין דער צייט פון דער אָקופאַציע איז אויך שווער געווען צו בעקומען קויהלען. ר' לייבוש איז ספּעציעל וועגען דעם גע-פאָהרען קיין בערלין, זיך משתדל געווען און בעקומען פאַר דער

גמינע ביליגע קויהלען, וועלכע זענען פערקויפט געוואָרען געגען ספעציעלע קוויטלעך. די דאָזיגע קוויטלעך האָט מען געמוזט אונ-טערשרייבען. ר׳ לייבוש איז געזעסען גאַנצע נעכט און אונטער-געשריבען טויזענדער קוויטלעך. ער האָט קוים געכאַפּט פאַרטאָג אַ דרימעל און אין דער פריה איז ער שוין, ווי דער סאָלדאַט, ווידער געשטאַנען אויף דער וואַך אין דער גמינע און געאַר-בייט, אָהן שום צייכען פון מידקייט.

זעהענדיג, אַז ער און די פּאָר אַנדערע דאָזאָרעס דאָזאָרעס זענען פיזיש נישט אימשטאַנד, צו אויספיהרען אַלע אַרבייטען פון דער גמינע, האָט ר׳ לייבוש אויסגעווירקט ביי דער מאַכט, אַז מען זאָל צו די דאָזאָרעס קאָאָפּטירען פערטרעטער פון אַלע ריכטונגען. אָבער אויך דאַן, ווען די צאָהל דאָזאָרעס איז פערגרעסערט גע-וואָרען, איז די גרעסטע לאַסט פון דער גמינע געבליבען אויף איהם. פאַר זיינע מעשים האָבען איהם אַלע דאָזאָרעס איינשטי-מיג געוועהלט אַלס וויצע-פּרעזעס פון דער וואַרשאווער קהלה. ווען דער דאָזאָר ר׳ אלעזר פריוועס איז אַוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד, איז ר׳ לייבוש געוועהלט געוואָרען אַלס פאָרזיצענדער פונ׳ם ראַבינאַט און פון דער בית-עלמין-אָבטיילונג, און באַלד האָט ער אויך דאָ אַרויסגעוויזען זיין אונערמידליכקייט צו אויפ-טהון נייעס, צו אָרגאַניזירען, ברענגען אָרדנונג און האַלטען פעסט די דאָזיגע אָרדנונג. ביים בעשטימען נייע מורה-הוראות אין וואַרשא איז ר׳ לייבוש געווען דעו׳ בעל-דעה, וועמען צו וועהלען. ער האָט דורכגעפיהרט, אַז דער פּרעדיגער פון דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס, ד״ר פּאָזנאַנסקי, זאָל דורך דער מאַכט בעשטעטיגט ווערען אַלס איינער פון די וואַרשאווער רבנים; די חסידים זענען געווען געגען דעם, און האָבען געפיהרט געגען דאַווידזאָהנען אַ פערביטערטען קאַמף, אָבער דאַווידזאָהן האָט זיך נישט אונטערגעגעבען און האָט זיין ווילען אויסגעפיהרט. דאַדורך איז די שנאה פון די חסידים צו איהם נאָך שטאַרקער געוואָרען,

אָבער דער קאַמף האָט ר׳ לייבוש׳ן נאָר צוגעגעבען מוט, צו אויספיהרען דאָס וואָס ער רעכענט אַלס גערעכט און נוצליך.

ר׳ לייבוש האָט אויך געשטרעבט, אַז די וואַרשאווער קהלה זאָל האָבען אַנ׳אויבער־רב, אַ גרויסען גאון און אויטאָריטעט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער קהלה. ער האָט שטאַרק אַגיטירט וועגען דעם; די איבריגע דאָזאָרעס האָבען שוין אויך מסכים גע־ווען דערצו; עס זענען שוין זאָגאַר געווען עטליכע קאַנדידאַטען אויף דער הויכער שטעלע, אָבער דער פּלאַן איז נישט אויסגע־פיהרט געוואָרען, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די דאָזיגע קאַנדידאַטען געהערען צו פּאַרטייען, און דאַווידזאָהנס מיינונג איז געווען, דאָס דער אויבער־רב בעדאַרף זיין אַ אונפּאַרטיי־אישער.

ר׳ לייבוש האָט דורכגעפיהרט, אַז צו דער גמינע פון וואַרשא זאָלען פעראייניגט ווערען די קליינע גמינעס פון די פאָרשטעדט. דאַדורך איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע טובה די דאָר־טיגע רבנים, דען זיי זענען געוואָרען עטאַט־רבנים, ווי די וואַר־שאווער, און זענען נישט מעהר אָנגעוויזען געווען אויף צופעלי־גע שכירות.

דער ראַבינאַט האָט זיך בעצויגען מיט דער גרעסטער אַכ־טונג צום פאָרזיצענדען, ווייל ערשטענס האָבען זיי געשעצט זיין ענערגיע, זיין ווילען און חשק צו אַרבייטען און אויפטהון נוצ־ליכעס, והשנית האָט ער זיי אימפּאָנירט מיט זיין גרויס לומדות, קאָנענדיג מיט זיי פערברענגען גאַנצע שעה׳ן אין פּלפּול און שווימען אינ׳ם תלמוד ווי דער פיש אין ים...

ר׳ לייבוש האָט פּראָיעקטירט, אַז די מעטריקע־ביכער זאָ־לען נישט געפיהרט ווערען דורך די מורה־הוראה׳ס יעדער אין זיין הויז, נאָר זיי זאָלען זיך געפינען אין דער גמינע און יעדען טאָג זאָל דיזשורירען אַנ׳אַנדער מורה־הוראה; פאַר די אַקטען זאָל בעשטימט ווערען אַ טאַקסע, און דערנאָך זאָל דאָס געלד

ר׳ לייבוש דאווידזאהן אויפ׳ן קראנקען בעט—צוועלף שעה פאר׳ן טויט.

א צייכנונג פון מאלער מ. עליאוויטש (אריגינאל ביי ד״ר נח דאווידזאהן — באצירט מיט שפיצען פון געשטארבענעמס קיטעל.)

צוטיילט ווערען צווישען אַלע רבנים. אויך אַלע שוחטים זאָלען שטעהן אונטער׳ן רשות פון דער גמינע און נעהמען פון איהר געהאַלט. נאָך פיל אַנדערע פּראָיעקטען האָט ער געהאַט, אָבער צופיל איז ער געווען פערשלונגען דורך דער לויפענדער אַרבייט; אויך האָבען איהם געפעהלט מיטאַרבייטער און העלפער, צו אויספיהרען זיינע פּלענער.

איבערנעהמענדיג נאָך ר׳ אלעזר פּריוועס די השגחה אויף די בית-עלמינס, האָט ער אויך דאָרט געמאַכט פיל אויסבעסערונ-גען. אַלס אילוסטראַציע וועלען מיר ברענגען פאָלגענדען פאַקט: די גמינע האָט נישט געהאַט קיין אייגענע פערד, צו פיהרען די עגלות, נאָר זי האָט אָבגעמאַכט מיט אַן׳אונטערנעהמער, ער זאָל איהר צושטעלען פערד יעדען טאָג, וויפיל עס וועט נויטיג זיין. דער דאָזיגער אונטערנעהמער האָט אָבער פערשאַפט דער גמינע פיל אונאַנגענעהמליכקייטען, דען יעדע פּאָר וואָכען פלעגט ער פערשטרייקען, פאָדערענדיג אונמעגליכע הוספות. ר׳ לייבוש האָט אַלזאָ אויפגעגעבען דעם רעיון, אַז די גמינע זאָל קויפען אַ גע-וויסע צאָהל אייגענע פערד. אַ לאַנגע צייט האָט די גמינע נישט געוואָלט נאָכגעבען, ווייל ס׳איז אַ צו-גרויסע הוצאה, צו קויפען מיט אַ מאָל אַ צעהנדליג פערד; אָבער לסוף האָט ער אויסגעפיהרט, און די איינמאָליגע הוצאה האָט דערנאָך אָבגעשפּאָרט דער גמינע פיל געלד און מען איז אויך פּטור געוואָרען פון דעם פוהרמאַנס אָפטע שטרייקען.

אין משך פון דער מלחמה איז צושטערט און צושלעפּט געוואָרען דער פּאַרקאַן אַרום דעם פּראַגער אַלטען בית-עלמין; די קברים זענען געוואָרען הפקר פאַר בהמות און מענשען-חיות. ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן האָט אַוועקגעלעגט פיל מיה, אַז דער בית-עלמין זאָל בעקומען אַ נייעם פּאַרקאַן. ער איז געווען דער ער-שטער, צו לעגען דעם גרונדשטיין, אין אָנוועזענהייט פון טוי-זענדער פערזאַמעלטע מענשען, און דערביי געהאַלטען אַ פייער-

ליכע תלמודישע דרשה. אַ דאַנק זיין מיה, איז אַ גרויסער טייל פונ׳ם בית עולם פערזאָרגט געוואָרען מיט אַ נייעם פּאַרקאַן. עס פעהלט נאָך אַ קליינער טייל, ווייל צוליב די אינטריגעס פון פער־שידענע שונאי ישראל, האָט די אַרבייט געמוזט אָבגעשטעלט ווע־רען, אָבער אַלע מאַטעריאַלען צום פּאַרקאַן זענען פאַרהאַן, און באַלד ווי די אויסערליכע מניעות וועלען בעזייטיגט ווערען, וועט דער בית עולם שוין בעשיצט ווערען פון שאַנד פאַר די לעבע־דיגע און פאַר די טויטע.

זעהר פיל האָט ר׳ לייבוש געטהון, צו אויפריכטען די חדרים און תלמוד־תורה׳ס אין וואַרשא, וועלכע האָבען דורך דעם מלחמה־קריזיס געהאַלטען אינגאַנצען ביים אונטערגעהן. וועגען דעם האָט ער אָבגעהאַלטען פיל זיצונגען מיט׳ן דירעקטאָר פונ׳ם אַמעריקאַנער הילפס־קאָמיטעט („דזשאָינט״), ד״ר באָגען, און איהם בעוואויגען, צו בעשטימען גרעסערע סומען געלד אויף אויפריכ־טען און אויסהאַלטען די תלמוד־תורה׳ס און ישיבות. שפּעטער, ווען קיין וואַרשא איז געקומען דער נייער דירעקטאָר פונ׳ם דזשאָינט, ה׳ הירשפעלד, האָט זיך דאַווידזאָהן שטאַרק בעפריינ־דעט מיט איהם און אויסגעווירקט דורך איהם גרויסע שטיצעס פאַר די ת״ת און אַנדערע רעליגיעזע און וואוילטעטיגע אינסטי־טוציעס. דירעקטאָר הירשפעלד האָט זעהר געשעצט די קלוגשאַפט און טיכטיגקייט פון דאַווידזאָהן, איז געווען אַנ׳אָפטער גאַסט ביי איהם, איז געווען ביי איהם פּסח צו די סדרים, און בעקומען פון דאַווידזאָהנען צום אָנדענקען אַ זילבערנעם בעכער. אַדוו. הירשפעלד איז געווען זעהר גערי‏הרט פון דער דאָזיגער פריינד־שאַפט, וואָס האָט נישט געהאַט דעם מינדסטען שאָטען פון איי־גענגוצען, נאָר בלויז לטובת אַנדערע...

שפּעטער איז ר׳ לייבוש געוועהלט געוואָרען אין פּרעזי־דיום פונ׳ם כולל פון די אַלע וואַרשאווער תלמוד־תורה׳ס. דער דאָזיגער כולל, מיט׳ן נאָמען „תלמוד תורה הכללית״, האָט פער־

אייניגט ביז 30 תלמוד־תורה׳ס, אין וועלכע עס האָבען געלערנט 4000 קינדער ביי 120 מלמדים. אינ׳ם פרעזידיום זענען אַריין, אויסער דאַווידזאָהנען, אויך ר׳ אלעזר פריוועס, ר׳ ישעיה ראָזענבוים, הרב ר׳ שלמה דוד כהנא, הרב ר׳ חיים יהושע גוטשעכטער, און אַלס סעקרעטאַרען: ר׳ אהרן פיינגאָלד און ר׳ יחזקאל שפיגעלגלאַס. ווי איבעראַל איז אויך דאָ ר׳ לייבוש געווען דער ראש המדברים און דער הויפט־טהוער, צו פערזאָרגען די קינדער מיט קליידער און שפייז, צו צאָהלען שכירות די מלמדים. ער איז געווען דער הויפט־איניציאַטאָר, צו גריינדען אַ „בית תבשיל״, פון וואַנען עס זענען טעגליך פונאַנדערגעפיהרט געוואָרען מיטאָגען אין אַלע אָכראַנקעס, יתומים־הייזער, שולען, ת״ת אד״ג. ער איז אויך געווען צווישען די גרינדער פון דער קיך פאַר די אינטעליגענטען, וועלכע קאָנען זיך נישט שטופּען צווישען די אָרעמע לייט און נויטיגען זיך אין אַ אנשטענדיגע בעהאַנדלונג.

פיל מיה האָט ר׳ לייבוש אָנגעווענדעט, צו בעקומען מלבושים פון אַמעריקא, און ער איז געווען איינער פון די הויפּט־אויפזעהער ביים פונאַנדערטיילען די מלבושים. ווען עס איז אָנגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט קליידער פון האָלאַנד, איז די פונאַנדערטיילונג פאָרגעקומען אונטער זיין השגחה.

אין יולי 1918, ווען עס זענען פאָרגעקומען די וואַהלען צום ערשטען וואַרשאווער שטאָדט־ראַט, איז ר׳ לייבוש געוועהלט געוואָרען אַלס ראַטמאַן פון דער פעראייניגטער ליסטע. אין שטאָדט־ראַט איז ער געוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליד פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע, וואו ער האָט זעהר פיל נוצען געבראַכט מיט זיין פלינקען אָריענטירען זיך אין די פערפלאָנטערטסטע פינאַנציעלע פראַגען. ער איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען אין אַנדערע קאָמיסיעס. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסטרעטען מיט רעדעס אויף דער טריבונע, בעזונדערס ווען עס האָט זיך גע־

האַנדעלט וועגען יודישע פראַגען, אָדער מ׳האָט בעדאַרפט ענט-
פערען אויף אַנ׳אַנטיסעמיטישען אָנפאַל.

די לעצטע חדשים פון יאָהר 1918 זענען געווען שרעקליכע פאַר די יודען אין פוילען. אין פיל שטעדט זענען פאָרגעקומען בלוטיגע אָנפאַלען און פאָגראָמען. בעזונדערס שרעקליך איז געווען דער פאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעמבערג אין משך פון דריי טעג, פון דעם 22-טען ביז׳ן 24 נאָוועמבער, אַ פאָגראָם בעגלייט מיט ווילדע מערדערייען, רויבערייען, שרפות און הריגות. די דאָזיגע מורא׳דיגע געשעהענישען האָבען שטאַרק ערשיטערט ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן. באַלד נאָכ׳ן לעמבערגער פאָגראָם האָט ער מיטגענומען 100,000 קראָן, וואָס די וואַרשאָווער גמינע האָט אַסיגנירט פון איהר קאַסע, און איז אַליין אַוועקגעפאָהרען קיין לעמבערג, צו איבערגעבען די שטיצע און בעטראַכטען אַליין דעם חורבן. אין קראקא האָט ער געמוזט פערבלייבען איניגע טעג, ווייל עס איז געווען איבערגעריסען די קאָמוניקאַציע מיט לעמבערג. אַלע בעקאַנטע און די פאָרשטעהער פון דער קראַקאָווער יודישער גמינע (וועלכע האָבען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד) האָבען איהם אָבגעראַטען צו פאָהרען קיין לעמבערג, ווייל ער וועט דאָרט נישט זיכער זיין מיט׳ן לעבען, אויך איז די נסיעה מיט דער באַהן אַנ׳איינגעשטעלטע זאַך. *) ר׳ לייבוש האָט אָבער נישט אויפגעגעבען זיין בעשלוס, און קוים איז די קאָמוניקאַציע צוריקגעשטעלט געוואָרען, איז ער אַוועק קיין לעמבערג, הגם אויפ׳ן וועג האט ער זיך געפיהלט זעהר נישט היימיש, ווייל אויסער איהם איז קיין איינציגער יוד נישט געפאָהרען מיט דער באַהן. קומענדיג קיין לעמבערג איז ער געוואָרען דערדריקט און דערשלאָגען פון דעם חורבן, וואָס ער האָט דאָרט געפונען. ער

*) דאַמאָלס האָבען זיך אָנגעהויבען די ווילדע אָנפאַלען אויף יודען אין די צוגען, דאָס אַרויסשליידערען זיי פון וואַגאָן ווען דער צוג איז געווען אין מיטען גאַנג, שלאָגען און׳ברחמנות׳דיג, אָוועקרויבען דאָס פערמעגען אד״ג.

האָט אויפ׳ן אָרט פערצייכענט אַלע איינצעלהייטען פונ׳ם פּאָגראָם און צוריקקומענדיג קיין וואַרשא האָט ער אָבגעגעבען פאַר אַ גרויסער פערזאַמלונג אין דער גמינע אַנ׳אויספיהרליכען בעריכט, וועלכער האָט אונטערגעפייערט די אַלע אָנוועזענדע, צו גרינדען אַ הילף־קאָמיטעט און זאַמלען געלד פאַר די געליטענע.

בשעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אין יאָהר 1920, האָט ר׳ לייבוש איבערגעגעבען דאָס הויז פון דער גמינע אויף פּראַגע, צו גרינדען דאָרט אַ שפּיטאָל פאַר די פּוילישע קראַנקע און פערוואונדעטע סאָלדאַטען. ער האָט אויך דעם דאָזיגען שפּי־טאָל פערזעהן מיט בעטלעך און אַנדערע נויטיגע זאַכען.

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבען ביז יעצט אויסגערעכענט, איז נאָר אַ טייל פון ר׳ לייבושעס מעשים. פּאַקטיש איז קיין איינציגע זאַך בנוגע דער יודישער בעפעלקערונג נישט געטהון געוואָרען אָהן זיין מיטווירקונג, אָדער דורך איהם אינגאַנצען. נאָכ׳ן טויט פון ר׳ מאיר רונדשטיין, דער פּרעזעס פון דער גמינע, האָט ר׳ לייבוש ערפילט די פונקציעס פון אַ פּרעזעס און איז געווען די צענטראַלע פיגור אין דער גמינע.

ענדע זומער תרפ״ב (1922) האָט ר׳ לייבוש דורכגעפיהרט אַ פערביטערטען קאַמף מיט דער „אגודה״, צוליב די נדבות פאַר די הונגעריגע יודען אין אוקראַינא.

יענער זומער איז געווען אַ פערשאָלטענער פאַר די שוין אָהן דעם אומגליקליכע יודען אין אוקראַינא: צו דער שרעקלי־כער פּאַראָרימונג נאָך די מורא׳דיגע שחיטות, איז צוגעקומען אַ הונגער, ווייל יענעם זומער איז אין גאַנץ רוסלאַנד געווען אַ גרויס טרוקעניש און די גאַנצע תבואה אויף די פעלדער איז אויסגע־ברענט געוואָרען. עס האָט זיך דאָרום אָנגעהויבען צווישען די יודען אין גאַנץ פּוילען, און בעזונדערס אין וואַרשא, אַ ענערגישע אַקציע, צו קלויבען נדבות און שיקען פעקלעך שפּייז מיט קליי־דער צו די ליידענדע אין אוקראַינא. די יודישע רעדאַקציעס

אין וואַרשא, דער נאַציאָנאַל-ראַט און אַגד. האָבען געזאַמעלט
גרויסע סומעס געלד; אויך די „אגודה" האָט געזאַמעלט געלד און
אַרויסגעשיקט פעקלעך קיין אוקראַינא. געגען דער אגודה איז
אָבער אין דער פרעסע דערוועקט געוואָרען אַ חשד, אַז דאָרט
ווערען בעגאַנגען מיסברויכען. איין יודישע צייטונג („היינט") איז
אַרויס מיט אַ רייהע אַרטיקלען, וועלכע האָבען גאַנץ אָפען אַרויס-
געזאָגט דעם חשד און געפאָדערט אַ דין וחשבון פון דעם געזאַ-
מעלטען געלד. דער אָרגאַן פון דער „אגודה" האָט דאַן אָבגע-
דרוקט אַ בעריכט, אָבער דער דאָזיגער בעריכט האָט נאָך מעהר
שטאָף געגעבען די חושדים. די זאַך איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען
אין דער עפענטליכקייט און שטאַרק אויפגערודערט די עפענטלי-
כע מיינונג. בעזונדערס האָט דאָס געווירקט אויף ר' לייבוש דאַ-
ווידזאָהן, ביי וועמען עס האָט זיך אָנגעצונדען די קנאת האמת,
די אויפגעבראַכטקייט פאַר וואָס מען בעגעהט זיך לייכטזיניג מיט
אַזאַ בלוטיג געלד. ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבען פאָדערען, עס זאָל
געגרינדעט ווערען אַ ספעציעלע קאָמיסיע, וועלכע זאָל נאָכקאָנ-
טראָלירען די נדבות, און כדי עס זאָל נישט הייסען, אַז מען
געהט ספעציעל קאָנטראָלירען די „אגודה", זאָל די קאָמיסיע
דורכפיהרען אַ קאָנטראָל אויך אין אַלע רעדאַקציעס און אַנדערע
אינסטיטוציעס, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קלייבען נדבות.
אַזאַ קאָמיסיע איז טאַקי געגרינדעט געוואָרען (א' אלול תרפ"ב).
אין איהר זענען אָנפאַנגס אַריין: ר' לייבוש דאַווידזאָהן, ר' שבתי
ברעגמאַן, ה' נאַטאַן מאָרגענשטערן, ה' רפאל שערעשאָווסקי,
ה' מ. עלענבערג, און אַלס פאָרשטעהער פון דער פרעסע: י. ח.
זאַגאָראָדסקי און ש"י יאַצקאַן. די קאָנטראָל איז דורכגעפיהרט
געוואָרען אין אַלע אויסגערעכענטע רעדאַקציעס און אינסטיטו-
ציעס; איבעראַל האָט די קאָמיסיע געפונען אָרדנונג און גענוי-
איגקייט אין די חשבונות. די „אגודה" האָט אָבער געמאַכט שווע-
ריגקייטען, געטענה'ט, אַז זי וויל נישט אָנערקענען די געוועהל-
טע קאָמיסיע און געפאָדערט אַנ'אַנדער צוזאַמענשטעל. ה' דאַוויד-

זאָהן האָט געגען דעם אַמשאַרפסטען פּראָטעסטירט; ער האָט אָבער געמוזט נאָכגעבען, אַז אין דער קאָמיסיע זאָלען אַריין נאָך דריי נייע מיטגלידער, וואָס זענען בעשטימט געוואָרען דורכ׳ן סוחרים־פעראיין, נעמליך: ה׳ אַדאָלף טרוסקער, ה׳ יעקב גלאַס און ה׳ אברהם געפּנער. זיבען פּערזאָן זענען דאַן פון דער קאָמי־סיע געוועהלט געוואָרען צו דורכפיהרען די קאָנטראָל אין דער „אגודה״, צווישען זיי איז ה׳ דאַווידזאָהן נ י ש ט געוועזען, הגם ער האָט דאָס געפאָדערט גאַנץ קאַטעגאָריש. די „אגודה״ האָט געדראָהט, אַז מען וועט איהם בכ ח נישט אַריינלאָזען אין לאָקאַל. כדי נישט ברענגען צו אַ סקאַנדאַל האָט אַלזאָ ה׳ דאַווידזאָהן נאָכגעגעבען.

די קאָמיסיע האָט געמאַכט אַ רעוויזיע, וועלכע האָט גע־דויערט מעהר ווי אַכט טאָג און צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, וואָס איז די נאַכט צו ערב ראש השנה פאָרגעשטעלט געוואָרען דער גאַנצער קאָמיסיע, אין זיצונגס־זאַל פון דער גמינע. דאָס בעטראַכטען דעם פּראָטאָקאָל האָט פערנומען אַ גאַנצע נאַכט; עס זענען פאָרגעקומען שטורמישע וכוחים. ר׳ לייבוש האָט צוהנדלי־גער מאָל גענומען דאָס וואָרט און האָט נישט אָבגעטראָטען, ביז אין פּראָטאָקאָל איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אַ פּונקט, וועלכען ער האָט דורכאויס געפאָדערט.*)

ווען די זיצונג האָט זיך געענדיגט נאָך גאַנצע 12 שעה, איז שוין אויף דער גאַס געווען גרויסער טאָג, און מיר אַלע האָבען בעוואונדערט דעם זקן, וואָס איז שוין קרוב צו שבעים, זיין קראַפט אין רעדען און איבערצייגען, זיין פרישקייט נאָך אַזאַ ערמידליכע און אויפרעגענדע נאַכט, וועהרענד מיר אַלע יונגערע

---

*) אויספיהרליך וועגען דער דאָזיגער שטורמישער זיצונג און דעם פערבי־טערטען קאַמף, וואָס איז געפיהרט געוואָרען צווישען די געגנער פון דער „אגודה״ און איהרע פערטיידיגער — זעה אין די צייטונגען „מאָמענט״ און „היינט״ פאַר׳ן מאָנאַט תשרי תרפ״ג.

פון איהם זענען געווען מיעד, שלעפעריג און צובראָ־כען...

די חסידים האָבען צייט דער דאָזיגער קאַמפּאַניע שטאַרק אָנגעהויבען רודפן דעם מוטיגען געגנער און איהם נישט גע־קאַרגט קיין בעליידיגונגען. אָבער דערמיט האָבען זיי כלל נישט געווירקט אויף זיין גייסט־צושטאַנד און אַרבייטס־לוסטיגקייט, און ער איז געגאַנגען פעסט זיין וועג ווייטער, זייענדיג אַלץ מעהר געליבט און געאַכטעט ביי די אמתע אָרטאָדאָקסען און אַלע נאַ־ציאָנאַלע יודען.

הגם, ווי געזאָגט, ר׳ לייבוש האָט זיך געפיהלט פריש סיי קערפּערליך, סיי גייסטיג און נישט איין יונגערמאַן האָט איהם געקאָנט דאַרין מקנא זיין, האָט ער דאָך געדענקט, אַז „סוף האדם למות” און דער טויט קאָן קומען גאַנץ אומגעריכט. ר׳ לייבוש האָט דאַרום אין דער גרעסטער בעשעפטיגונג נישט פערגעסען, צו אָנשרייבען אַ צואה מיט ווייזונגען, וואָס עס זאָל געטהון ווע־רען מיט זיין פערמעגען נאָך זיין פטירה.

אין דער נאָטאַריעלער צוואה טיילט ער איין זיין פערמע־גען אין אונבעוועגליכע און בעוועגליכע גיטער צווישען זיינע 6 קינדער, גיט בעזונדערע מתנות זיינע אייניקלעך *). דאַן לאָזט ער איבער אַ גרעסערע סומע פאַר דער גמינע, אויף צו אויסבויען אין וואַרשא אַזאַ היגיענישע מקוה ווי אין פראַגע **). זיין פלאַן

*) ר׳ לייבוש איז אונגעוועהנליך איבערגעגעבען געווען זיינע קינדער. ביי אַ קראַנקהייט פלעגט ער וואָכען־לאַנג נישט אָבטרעטען פון זייער בעט. זיינע קינדער און אייניקלעך האָבען איהם פשוט פערגעטערט.

**) ר׳ לייבוש האָט גערעכענט אַלס אַ גרויסען זכות פאַר זיך, וואָס ער האָט מיטגעהאָלפען צו אויסבויען די מוסטערהאַפטע היגיענישע און פרעכטיגע מקוה אויף פראַגע, און זיין גרעסטער וואונש איז געווען, אַז אַזאַ מקוה זאָל אויך אויסגע־בויט ווערען אין וואַרשא. די מלחמה־צייט און איהרע נאָכוועהענישען זענען אָבער נישט געווען גינסטיג, צו אויספיהרען דעם דאָזיגען טייערען פלאַן.



די לויה פון ר׳ לייבוש דזאווידזאהן.
דאס אריינטראגען דעם ארון אין נאזשיקס שוהל.
(אמאטארען-פאטאגראפיע פון מ. קיפּניס.)

אין דער קאָלאָניע רחובות, אויף אַ שטח פון 120 דונאַם, לאָזט ער איבער זיין עלטסטען זוהן, ד״ר נח דאַווידזאָהן. דאַן שרייבט ער:

„די יודאַאיסטישע ביבליאָטעק, וועלכע איך בעזיץ נאָך מיינע עלטער-עלטערן פון אָנהייב 18-טען יאָהרהונדערט, און וועלכע איך זעלבסט האָב קאָמפּלעטירט אין משך פון דער צייט, פערשרייב איך פאַר דעם יודישען אוניווערזיטעט אין ירושלים. די דאָזיגע ביכער בעדאַרפען, אַלס מיין געשענק, אויף שטענדיגע צייטען זיך געפינען אין בעזונדערע שרענק, מיט אַ אויפשריפט, אַז זיי שטאמען פון פינף דורות דאַווידזאָהנס, און זיי קאָנען בשום ענין ואופן נישט פערקויפט און נישט פערטוישט ווערען. ביז דער צייט ווען דער אוניווערזיטעט וועט געשאַפען ווערען, בעדאַרף די דאָזיגע ביבליאָטעק,ביי אַ געהעריגער קאַטאַלאָגיזירונג, איבערגעגעבען ווערען צום בעהאַלטען אין דער גרויסער סינאַגאָגע אין וואַרשא אויף טלאָמאַצקע גאַס. אויף אויסצופיהרען מיין רצון וועגען דער ביבליאָטעק בעשטים איך אַלס קוראַטאָרען: א) דוד יעלין אין ירושלים, ב) אברהם פּאָדלישעווסקי אין וואַרשא, ג) מיין זוהן נח, ד) מיין זוהן יוסף הירש, ה) מיין איידעם מיכל שערעשאָווסקי״.

זיינע צוויי ספרי תורות מיט די בעפּוצונגען, וועלכע ער האָט געירשנ׳ט פון זיינע עלטערן פונ׳ם 18-טען יאָהרהונדערט, בעפעהלט ער צו פערקויפען, אָבער נאָר צווישען די אייגענע, און אויב מעגליך, זאָלען זיי זיך געפינען אין איין האַנד (5 ספרי תורה׳ס האָט ער שוין פריהער געשענקט אין פערשידענע שולען און איינע אַוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל).

ווייטער זאָגט ער אין דער צוואה: אין „אוניאָן פראַנקאָאיטאַליענא דע קרעדיט קאָאָפּעראַטיאָן״ אין מענטאן (פראַנקרייך) געפינען זיך פיער סומען, אויף דער אַלגעמיינער סומע פון 12,454,32 פראַנצויזישע פראַנק, אויסער פּראָצענטען פון יאָהר 1913,

דעפּאָנירט אויף מיין נאָמען און אויפ'ן נאָמען פון א. ביילין און נ. עטינגער. איך ערקלער היערמיט, אַז די דאָזיגע סומען זענען נישט מיין אייגענטום, ווי אויך נישט דאָס אייגענטום פון הערר ביילין און עטינגער, נאָר זיי זענען געזאַמעלט געוואָרען פון פער־שידענע מתנדבים, כדי צו פערלעגען אַ יודישען בית הקברות אין מענטאָן. אויף אויסצופיהרען די דאָזיגע טעטיגקייט און אָבנעה־מען די סומען, בעשטים איך מיין איידעם מיכל שערעשאָווסקי, מיט'ן רעכט פון סובסטיטוציע.

די צוואה ענדיגט זיך מיט פאָלגענדע ווערטער:

„מיין הייסער פערלאַנג און בעדינג פון אַ פאָטערליכער ברכה איז, דאָס מיינע קינדער און זייערע נאָכפאָלגער זאָלען פערבלייבען געטריי דעם יודישען גלויבען, און זאָלען ווי אַמ־פלייסיגסטען דערציהען זייערע קינדער אין דעם דאָזיגען גלויבען, דאָס פאָטערלאַנד ליבען מיט טאַט און ראַט, און די היגע געזעל־שאַפט שטיצען, ווי עס בעפעהלט אונז די תורה. איך ערקלער, אַז אויב עמיצער פון די דורך מיר בעשאָנקענע אין דער יעצטיגער צוואה וועט ענדערן זיין גלויבען, פערלירט ער דאָס רעכט אויף דער ירושה וואָס איך לאָז איבער".

אין יאָהר תרפ"ב (אָהן אַ דאַטע) שרייבט ר' לייבוש א קור־צע העברעאישע צוואה, אַז מען זאָל איהם מקבר זיין אין אַ ספע־ציעל געמאַכטען שטאַרקען ארון, לעגען צוקאָפּענס אַ קישען מיט ערד, „אויך זאָל מען אויף מיר אַרויפשיטען ארץ ישראל ערד אין אַ גרעסערער מאָס. איך האָב זי ליב געהאַט ביים לעבען און עהר זי נאָך מיין טויט. אויך זאָל מען בפירוש שרייבען, אַז איך ווער דאָ בעהאַלטען נאָר צייטווייליג, און אויב גאָט וועט העלפען מיינע יורשים, בעט איך זיי, צו אַריבערפיהרען מיין קערפּער אין אונזער לאַנד און מיך מקבר זיין אויפ'ן הר הזיתים אין ירושלים, אָדער אין רחובות ביים ראַנד פון מיין נחלה. און אויב עס וועט מעגליך זיין צו אַריבערפיהרען אויך דעם קערפּער פון מיין

פרוי זכרונה לברכה, בעט איך מיינע יורשים, צו בעמיהען זיך, אַז מיר ביידע זאָלען דאָרט בעהאַלטען ווערען אין איין שורה" א. אַז. וו.

דאַן בעפעהלט ער, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען נישט שרייבען קיין שום טיטעל, און ער גיט־אָן דעם נוסח פון זיין מצבה. *)

ערב ר"ח שבט תרפ"ג שרייבט ר' לייבוש אַ צווייטע צוואה אין העברעאיש, דאָרט ערקלערט ער, אַז אַ גאַנץ לעבען איז ער געווען אַ אָרטאָדאָקס און דאַרום בעט ער, אַז זיין קבורה זאָל נישט פאָרקומען ווי ביי די „פרייזיניגע", מען זאָל איהם פיהרען אין אַנ'איינפאַכער עגלה, נישט לעגען אויף זיין ארון קיין קרענץ, און נישט נאָכזאָגען איהם צופיל שבחים, און אויב מען וועט איהם מספיד זיין, קאָן מען נאָר זאָגען, אַז פאַלשקייט האָט ער פיינד געהאַט און פון שקר האָט ער זיך דערווייטערט. אויך זאָגט ער אָן וועגען אַריינלעגען איהם אין אַ פעסטען ארון, כדי מען זאָל שפּעטער קאָנען אַריבערפיהרען זיין קערפּער קיין ארץ ישראל.

זומער תרפ"ג האָט זיך ביי ר' לייבוש'ן אָנגעהויבען ענט־וויקלען אַ שווערע קראַנקהייט (אַ קרעבס). ער האָט געמוזט אָפּ־שטעלען זיינע טעגליכע געגנג אין דער גמינע און בלייבען אין דער היים, וואו ער פלעגט אָבנעהמען די בעריכטען און ארויס־געבען די נויטיגע בעפעהלען. די קראַנקהייט האָט זיך כסדר ענטוויקעלט און ער האָט זיך געמוזט לעגען אין בעט. אָבער אויך דאַן האָט ער נאָך אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער אַרבייט פון דער גמינע, און נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט אַלע ענינים פון דער קהלה און כלל ישראל. די אָנגעזעהענסטע עסקנים און אַלע רבנים זענען כסדר געקומען איהם מבקר־חולה זיין, און

*) זעה אכטע ביילאגע.

נישט קוקענדיג אויף זיינע שמערצען, האָט ער מיט זיי פער־ברענגט אין לומדישע אָדער כלל־יודישע געשפרעכען.

דעם 11־טען תמוז תרפ״ג, ווען ר׳ אברהם פּאָדלישעווסקי איז איהם געקומען בעזוכען, האָט ער, אַ שווער־קראַנקער, אייגענ־הענדיג נאָך אָנגעשריבען אין ה׳ פּאָדלישעווסקיס נאָטיץ־ביכעל אויף העברעאיש זיין וואונש און בקשה צו זיינע יורשים, אַז קוים וועט נאָר מעגליך זיין, זאָלען זיי אַריבערפיהרען זיין קער־פּער קיין ארץ ישראל און איהם מקבר זיין אין זיין נחלה אין רחובות. *)

ווען דער צושטאַנד פונ׳ם קראַנקען איז שוין געווען אַ גע־פעהרליכער, האט מען איהם, אויף זיין אייגען וואונש, אַריבער־געפיהרט אין דער קליניק פון ד״ר סאָלאָווייטשיק אויף כמיעלנאַ גאַס און איהם געמאַכט אַנ׳אָפּעראַציע, וועלכע האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען. דאַן האָט מען איהם צוריקגעברענגט אין זיין וואוינונג אויף יעראָזאָלימסקא 43, וואו ער איז די נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת, דעם 14־טען מנחם־אב תרפ״ג, געשטאָרבען.

דער טויט פונ׳ם גרויסען עסקן האָט געמאַכט אַנ׳אונגעהויע־רען רושם אין גאַנץ וואַרשא. באַלד שבת־צו־נאַכט איז פאָרגע־קומען אַ עקסטרע־זיצונג פון דער גמינע־פערוואַלטונג, ווי אַזוי צו איינאָרדנען די לויה ווי געהעריג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז זונטאָג, 15 מנחם־אב, ווען די לויה וועט פאָרקומען, זאָל ער־קלערט ווערען אַלס טרויער־טאָג פון דער גמינע, אַלע גמינע־אָבטיילונגען זאָלען געשלאָסען זיין, און עס איז אויך געוועהלט געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, צו איינאָרדנען די לויה.

די לויה פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן איז געווען איינע פון די גרעסטע לויות, וואָס וואַרשא האָט געזעהן אין די לעצטע יאָהרען. דער קערפּער פונ׳ם נפטר איז, לויט אַנ׳ערלויבניש פונ׳ם

*) זעה אַכטע ביילאַגע.

ראַבינאַט, אַריינגעלעגט געוואָרען אין אַ ספּעציעל געמאַכטען דעמ־בענעם ארון, כדי מען זאָל איהם קאָנען מיט דער צייט אַריבער־פיהרען קיין ארץ ישראל, לויט׳ן ווילען פונ׳ם נפטר. טויזענדער מענשען, מיט אַלע רבנים און מענגעס דעלעגאַציעס פון אַלערליי אינסטיטוציעס און חברות, האָבען אָבגעגעבען דעם נפטר זיין לעצ־טען כבוד. אין נאָזשיקס שול, וואו דער נפטר האָט געדאַווענט יאָהרען־לאַנג, איז אָבגעריכט געוואָרען אַ פייערליכע הזכרה ביים אַריינגעטראָגענעם ארון און הרב פּערלמוטער האָט געהאַלטען אַ לאַנ־גען הספד. די עגלה איז דערנאָך געגאַנגען דורך דער גרזיבאָווסקא גאַס און פאַר׳ן בנין פון דער גמינע זיך אָבגעשטעלט. דערנאָך איז די לויה דורכגעגאַנגען די יודישע גאַסען, און ווען די עגלה איז געקומען צום בית־עלמין אויף געגשא גאַס, האָט שוין די צאָהל מלוים דערגרייכט אין די צעהנדליגער טויזענד.

מען האָט ר׳ לייבושן מקבר געווען נעבען קבר פון ד״ר פּאָזנאַנסקי ז״ל. ביים אָפענעם קבר האָבען איהם מספיד געווען: אין נאָמען פון דער גמינע־פערוואַלטונג דער דאָזאָר ריטענבערג (אויף העברעאיש). אין נאָמען פון ראַבינאַט: די רבנים מיכעל־סאָן, ר׳ חיים פּויזנער און הרב קאָראַל. אין נאָמען פון „בני־ברית״— דער אַדוואָקאַט ענדעלמאַן, און אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — (פון וועלכער ר׳ לייבוש איז ביז׳ן טויט געווען אַ מיטגליד, צאָהלענדיג דעם שקל און דעם „מס הסתדרות״ יעהר־ליך) האָט איהם מספיד געווען זיין אַלטער פריינד ר׳ אברהם פּאָדלישעווסקי.

די לויה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען זייגער 12, האָט זיך געענדיגט ערשט זייגער 7 אין אָוועגד.

---

## די קינדער פון ר׳ לייבוש דאַווידזאָהן.

ר׳ לייבוש האָט איבערגעלאָזט זעקס קינדער: דריי זיהן און דריי טעכטער:

ד״ר נח דאַווידזאָהן, דער עלטסטער, וועלכער איז יעצט דער פּאָרזיצענדער פון דער וואַרשאווער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ד״ר יוסף דאַווידזאָהן, וועלכער האָט געגרינדעט און אין משך פון פיל יאָהרען אַרויסגעגעבען די פּויליש-יודישע צייטונג „נאַש קוריער״.

אינזשינער יחיאל מיכל דאַווידזאָהן, אַ גרויסער בעקאַנטער אינדוסטריעלער אין וואַרשא.

מ׳ חיה צביה, די פרוי פונ׳ם בעקאַנטען באַנקיר מיכל שערעשאָווסקי.

מ׳ מאשא קאַדינסקאַ, יעצט אַן אַלמנה, וואוינט אין וואַרשא.

מ׳ אלישבע שטיקגאָלד, וואוינט יעצט אין דאַנציג.

נאָך דער פטירה פון ר׳ לייבוש׳ן האָבען די קינדער איבערגעגעבען זיין גרויסע און טייערע ביבליאָטעק אין רשות פון דער וואַרשאווער געזעלשאַפט מיטצוהעלפען דער ירושלים׳ער אוניווערזיטעט. אויפ׳ן פּראָטאָקאָל וועגען איבערנעהמען די ספרים

האָבען זיך אונטערגעשריבען: אַדוואָקאַט ב. סטאַוואָסקי, פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן, ד״ר כאַראַנזשיצקי און עדואַרד פּאָזנאַנסקי. די ביכער ווערען יעצט קאַטאַלאָגירט און דערנאָך וועלען זיי אײ־בערגעשיקט ווערען קיין ארץ ישראל. די געזעלשאַפט האָט בע־שלאָסען, צו בעשטעלען אַ ספּעציעלען „עקס ליבריס״ און אַרויפ־לעגען אויף די ספרים, פאַר וועלכע, לויט׳ן וואונש פונ׳ם נפטר, עס וועט בעשטימט ווערען אַ בעזונדער אָרט אין דער יודישער ביבליאָטעק, אינ׳ם לאַנד וואָס ר׳ לייבוש האָט אַזוי הייס געליבט.

# בײלאַגעס:

# אַרכיװ־דאָקומענטען.

## ערשטע ביילאגע.

ערקלערונג פון די אנגעזעהענסטע בעלי־בתים אין ווארשא, בשעת דעם אויפשטאנד אין יאהר 1831, וועגען דער אונמעגליכ־קייט צו גרינדען א בעזונדער יודישען פולק.

(איבערזעצונג פון פוילישען אריגינאל, וועלכער געפינט זיך אין איינעם פון די ווארשאווער ארכיוועו).

### פארגעקומען אין דער קאנצעלאריע פון דאזאר בוזשניטשי אין ווארשא, דעם 5־טען יאנואר 1831 י.

דערוועקט דורך דעם אויפרוף פון דעם הויכגעשעצטען שעף פון הויפט־שטאב פון די בעוועגליכע גווארדיעס אויפ'ן ליני־קען ברעג ווייכסעל, № 446, האט דער דאזאר בוזשניטשי איינ־געלאדען אויף א זיצונג די אונטערגעשריבענע פאמיליען־פאטערס און פארגעלעגט זיי די אקטען פון דער קארעספאנדענץ, צוגע־שיקט דעם דאזאר צוזאמען מיט'ן דערמאנטען אויפרוף. פרעגענ־דיג זיי, יעדען בעזונדער, אלס די וויכטיגסטע יודישע איינוואוי־נער אין דער רעזידענץ, צי האבען זיי בעפאלמעכטיגט די ה"ה בערקאוויטש, הערניש און הארוויץ צו שאפען דעם פראָ־יעקט וועגען פארמירען א בעזונדער מיליטער אונטער'ן נאמען פון איזראעליטישע פריוויליגע?

די געפרעגטע האבען געענטפערט, אז די דאזיגע זאך איז זיי לגמרי פרעמד, און אז אלס בעפאלמעכטיגטע בעטראכטען זיי באר די מיטגלידער פונ'ם קאמיטעט, וועלכע זענען דעם 26־טען

פ. מ. געוועהלט און בעפאָלמעכטיגט געוואָרען, הן מעורר זיין די איינוואוינער צו בעלעגען קרבנות אויפ'ן מזבח פון פאָטערלאַנד, הן צו קלויבען נדבות אויף אויסקליידען יענע איזראַעליטען, וועלכע בעגעהרען אַריינטרעטען אַלס פרייוויליגע אין די מיליטערישע רייהען.

בנוגע דער מיינונג פון די פאַמיליען - פאָטערס אדות דעם פראָיעקט גופא, הגם ער איז געשאַפען דורך נישט-בעפאָלמעכטיגטע, האָבען זיי ערקלערט:

„דעם דאָזאָר זענען בעוואוסט אונזערע פערלאַנגען און וואונשען, בנוגע דאָס מיטהעלפען דעם הייליגען ענין פון פאָטערלאַנד. נאָך איידער מען האָט אונז אויפגעפאָדערט, האָבען מיר אַליין געשאַפען אַ קאָמיטעט, וועלכער זאָל צוגעבען חשק צו בעלעגען נדבות און בעקליידען די פרייוויליגע, און אין די ערשטע 5 טעג, וואָס דער קאָמיטעט האָט עקזיסטירט, האָט מען פון דער היגער יודישער קהלה בעלעגט אויפ'ן מזבח פונ'ם פאָטערלאַנד ביז 40.000 פוילישע זלאָטעס, און דער זעלבער קאָמיטעט, ביי זיין פלייסיגער בעשעפטיגונג וועט זאַמלען נאָך בעדייטענדע סומען. די פרייוויליגע וואָס מעלדען זיך, גיט ער שוין זאָגאַר אַרויס מונדירען און געלד-שטיצע; אָבער דער פראָיעקט, צו גרינדען אַ בעזונדערען פולק, בעטראַכטענדיג איהם, שיינט ער צו זיין נישט פאַסיג און אונמעגליך צום אויספיהרען.

נישט פאַסיג איז ער צוליעב זעהר קלאָרע סבות:

א) צווישען די אונגעבילדעטע לייט געפינען זיך אָנהענגער פון יענעם פאַלשען פרינציפ, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַפילו אין די אַלטע דעקרעטען וועגען נעהמען רעקרוטען, אַז מען קאָן נישט אָנטרויען די איזראַעליטען די הייליגע זאַך, צו פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד. אַלזאָ, אין פאַל ווען דער דאָזיגער פולק וועט נישט האָבען קיין ערפאָלג — הגם מיר זענען זיכער, אַז דער יודישער פרייוויליגער וועט נישט קאַרגען

זיין בלוט, — וועט מען בעשולדיגען דערין די יודישע גמינע, כאָטש דאָס קאָן זיין נאָר אַ געוועהנליכער צופאַל דורך נישט קיין גינסטיגער שטעלונג. אַזאַ צופאַל וואָלט פון איין זייט פערשאַפט עגמת נפש אַלע יודען, און פון דער צווייטער זייט וואָלט ער געוועז אונגינסטיג פאַר׳ן לאַנד און פאַר דער רעגירונג.

ב) והשנית: אין אַלע לענדער בעמיהט מען זיך, צו דער־נעהנטערן די איינוואוינער פון פערשידענע רעליגיעס, דען דאַ־רויף איז געגרינדעט די מאַכט פונ׳ם לאַנד, בעזונדערס פון אַ פריי־ען לאַנד.

קיין זאַך פערבינדעט נישט אַזוי ווי חבר׳שאַפט, בעזונ־דערס מיליטערישע חבר׳שאַפט. אַלזאָ, אויב די יודישע פרייוויל־גע וועלען דיענען צוזאַמען מיט די אַנדערע איינוואוינער, וועט דאָס ברענגען דעם גליקליכען מאָמענט פון התקרבות צווישען די איינוואוינער, און וועט פערשטאַרקען די באַנדען פון אחדות; דאַ־געגען אָבער, אויב פון די יודען וועט זיך פאָרמירען אַ בעזונדער פולק, טראָגט דאָס דעם כאַראַקטער פון אָבזונדערונג, און אַנ׳אָב־זונדערונג איז נאָהענט צו אַ צושפאַלטונג, און דאָס וועט זאָגאַר פערקלענערן די צאָל פרייוויליגע, דען דער פרייוויליגער קלויבט זיך אויס עפעס אַ פולק לויט זיין נייגונג. דאַגעגען די בעגרענצטע וואַהל ווירקט אָבשטויסענד, בפרט דער תנאי, אַז מען מוז גע־הערען צו אַ פולק, וואָס מען בעשטימט פאַר איהם און דורכאויס צווישען גלויבענסגענאָסען.

